Lodzer Tageblat № 12

Opłata pocztowa uiszcz. ryczałtem.

פרייז 15 גראשען

לאדזער טאגעבלאט

היינט 6 זייטען

26-טער יאהרגאנג || 14 stycznia 1932 || דאנערשטאג, ו' שבט תרצ"ב || רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 16. טעלעפאנען פון: רעדאקציע 100-57, פון אדמיניסטראציע 100-47

שווערער אורטייל איז בריסקער פראצעס

אלע אנגעקלאגטע חוץ סאוויצקי פערמשפט

דאס געריכט אנערקענט, אז זיי האבען געוואלט מיט געוואלד אומוואַרפען די הערשענדע רעגירונג

26 יאהר תפיסה און פערלירען ; לע רעכט. — דאס זיצען אין בריסק וועט פערעכענט ווערען. — ריכטער לעשטשינסקי האט געשטימט צו בעפרייען די בעשולדיגטע. — אלע אנגעקלאגטע בלייבען דערווייל אויף דער פריי געגען קויציע

פערטיידיגער און פראקורארען גיבען אן אפעלאציעס

וואַרשא. (טעלעפאניש) שוין פון 9 א זייגער פריה האט געהערשט און קריי=גערוכט א געשפאנטע שטימונג. די צאהל פאליציאנטען און געריכט איז בעדייטענד פערגרעסערט געווארען. אויך די פאלי=צייוואך אויף מיאדאווא גאס ארום דעם געריכטס=בנין איז פערשטארקט געווא=רען. ארום 10 א זייגער זענען שוין אלע א=ריינגעגאנגען אין קארידארען און געריכטס=בניז געווען איבערפולט. ס'קומען פאר אין דער לעצטער מינוט פאר'ן ארויס=טראגען דעם אורטייל היימישע ובוחים און געזעטען. אויף אלעמענס ליפען שוועבט די פראגע : ווי וועט זיין דער אורטייל? די ובוחים קומען פאר אויף די טרעפען און קארידארען, ווייל דער געריכטס=זאל איז ביז 11 א זייגער געווען געשלאסען. די געריכטס=וואכשנעס האבען דערווייל נישט געריהט. לויט א פעראָרדנונג פון פרעזעס פון קריי=געריכט האבען די וואכשנעס אריינגעטראגען א היבש ביסעל בענק אין זאל, וואו ס'וועט פארקומען דער לעצטער אקט פון גרויסען דיסקא=רישען פראצעס. לויט א צווייטער פער=ארדנונג פון געריכטס=פרעזעס, האט מען אריינגעלאזט אין זאל, ווען ער איז גע=עפענט געווארען, אהן א ספעציעלער ער=לויבניש. ווער ס'האט זיך געפינען נעבען זאל, איז אריינגעלאזען געווארען איננע=ווייניג. אין משך פון איינציגע מינוטן איז דער זאל געווען פול געפאקט.

11.25 קומט אריין אין געריכט ליבער=מאן אין בעגלייטונג פון צוויי פרויען (זיין איינגענע פרוי און א בעקאנטע). עטוואס שפעטער ערשיינט וויטאס. ביים אריינקו=מען דערלאנגט ער די האנד דעם פאלי=ציאנט, וואס שטעלט זיך אוועק ביי איהם. דאס רופט ארויס הייטערקייט.

ארום האלב 12 האט זיך בעוויזען דער אנגעקלאגטער מאסטעק, וועלכער האט די גאנצע צייט פון פראצעס נישט אדורכ=געלאזען קיין איין זיצונג. מאסטעק איז אין א גוטען הומאר. ער פלוידערט מיט זיינע בעקאנטע און וויצעלט זיך. שפע=טער קומט אויך סאוויצקי. איינציגווייז מיטען די איבריגע אנגעקלאגטע און די אדוואקאטען.

קאמענטארען האט ארויסגערופען דער פאקט, וואס אין געריכטס=זאל האבען זיך אוועקגעשטעלט ביי די בעשולדיגטע 11 פאליציאנטען, וואס זענען, זעהט אויס בעשטימט געווארען פאר יעדען בעשול=דיגטען בעזונדער.

ארוו. שורליי איז נישט געקומען, ווייל ער האט היינט א פראצעס אין פויזען.

פאר'ן געריכטס=בנין האט זיך פערזאַ=מעלט א ריזיגער עולם, וועלכער ווערט פונאנדערגעטריבען דורך דער פאליציי. א סך דאמען זענען געקומען מיט בוקע=טען בלומען.

12.10 איז אריינגעקומען דאס געריכט. אלע שטעהען אויף פון די ערטער. דער פארזיצענדער הערמאנאווסקי לייענט ביי א טויט=שטילקייט פון גאנצען זאל דעם אורטייל.

דער אורטייל

אין נאמען פון דער פוילישער רעפוב=ליק האט דאס קריי=געריכט אין ווארשא בעשלאסען :

הערמאן ליבערמאן

צו בעשטראפען מיט 2 און א האלב יאהר תפיסה.

נארבערט בארליצקי

צו בעשטראפען אויף 2 און א האלב יאהר תפיסה.

סטאניסלאוו דיבוא

צו בעשטראפען מיט דריי יאהר תפיסה.

מיעטשיסלאוו מאסטעק

צו בעשטראפען מיט דריי יאהר תפיסה.

אדאם פראגיער

צו בעשטראפען מיט דריי יאהר תפיסה.

אדאם טשאלקאש

צו בעשטראפען מיט דריי יאהר תפיסה.

ווינצענטי וויטאס

צו בעשטראפען מיט אנדערטהאלבען יאהר תפיסה.

וולאדיסלאוו קיערניק

צו בעשטראפען מיט 2 און א האלב יאהר תפיסה.

קאזשימיעזש באגינסקי

צו בעשטראפען מיט 2 יאהר תפיסה.

יוזעף פוטעק

צו בעשטראפען מיט דריי יאהר 6פיסה.

אדאלף סאוויצקי

צו בעפרייען.

די תפיסה=שטראף ווערט פערבימען אויף אויסבעסערונגס=הויז. דאס זיצען אין בריסק ווערט אריינגערעכענט. אוי=סער דעם זענען אלע פעראורטיילטע פער'משפט געווארען צו פערלירען אלע רעכט, וואס וועט, פערשטעהט זיך, ערשט דאן זיין אקטועל, ווען דער אורטייל וועט אריין אין קראפט.

דער אורטייל איז אנגענומען געווארען דורך צוויי ריכטער געגען ריכטער לעש=טשינסקי, וואס טראגט אריין א וואטום סעפעראטום צום פסק=דין פון דער מעהר=הייט טריבונאל=מיטגלידער. ער האט פאר=געלייגט צו בעפרייען אלע בעשולדיגטע.

דער ריכטער-טריבונאל פון „בריסקער" פראצעס

פרעזעס הערמאנאווסקי | ריכטער יאן ריקאטשעווסקי | ריכטער לעשטשינסקי | פראקוראר גראבאווסקי | וויצע=פראקוראר ראזע

די 11 בעשולדיגטע פונ'ם „בריסקער" פראצעס

1) אדאלף סאוויצקי, 2) ווינצענטי וויטאס, 3) אדאם פראגער, 4) קאזשימיערזש באגינסקי, 5) מיעטשיסלאוו מאסטעק, 6) נאר=בערט בארליצקי, 7) הערמאן ליבערמאן, 8) יוזעף פוטעק, 9) וולא=דיסלאוו קערניק, 10) סטאניסלאוו דיבוא, 11) אדאם טשאלקאש.

באלד ווי עס איז פארגעלייענט געווא=רען דער אורטייל, האט דער בעשולדיג=טער טשאלקאש אויסגערופען : „זאל לע=בען די פוילישע סאציאליסטישע פאר=טיי!"

די מאטיווען

באלד נאכ'ן איבערלייענען דעם אור=טייל ווערט אויך דורכ'ן פארזיצער אי=בערגעלייענט די מאטיווען פון אורטייל.

אין די מאטיווען ווערט דאס געריכט אַז, אַז די בעשולדיגטע ווערען פער'משפט אויפ'ן יסוד פון ארטיקעל 102 טייל 1 און פערבינדונג מיט'ן ארטיקעל 100 טייל 3.

ווייטער זאגט זיך, אז די איינציגע אויפגאבע פון געריכט איז געווען צו לע=זען דאס פראבלעם : 1) צי די בעשול=דיגטע בעגנצט מיט געוואלד=מיטלען, מיט אונלעגאלע מיטלען האבען זיי איינ=געארדענט דעמאנסטראציעס, וואס האַ=בען דערפיהרט צו בלוטיגע געשעהנ=שען, בעת וועלכע מען האט זיך געמוזט בענוצען מיט הזיים געוועהר.

בעזונדערס א שארפע אקציע האט אנ=געפיהרט די פ.פ.ס. שטיצענדיג זיך אויפ'ן עדות=זאגען פון די פערטיידיגונגס=עדות, די פ.פ.ס.=מיטגלידער ארציששעווסקי און פוזשאק, זעהען מיר, אז די פ.פ.ס. האט פערמאגט בעוואפענטע כחות און מיט זייער הילף געוואלט אראפווארפען די רע=גירונג מיט געוועהר אין האנד.

נאכדעם ווי עס ווערט ארומגערעדט די טעטיגקייט פון צענטראלעוו, האט דאס געריכט אנערקענט, אז עס איז פעסט=געשטעלט געווארען : 1) אז ווי עס זענען זיך מודה די אנפיהרער פון צענטראלעוו, איז ער ארגאניזירט געווארען מיט'ן צוועק אומצוווארפען דעם הערשענדען רעזשים אין די פערזאנען פון די רעגי=רונגס=מיטגלידער, 2) אז די בעשטימטע אויפ'ן 14. סעפטעמבער 1930 דעמאנ=סטראציע, האט אויך געזאלט זיין, ווי עס האבען ערקלערט די צענטראלעוו=מיט=גלידער, אנ'עטאפ און קאמף צו ערצילען דעם צוועק, 3) אז די פיהרער פון צענ=טראלעוו האבען בעת די דעמאנסטרא=ציעס געהאט בדעה צו בענוצען זיך מיט געוואלד=מיטלען, 4) אז דאס בענוצען זיך בעת די אונרוהען פון 14. סעפטעמ=בער מיט געוואלד=מיטלען ענטהאלט אין זיך סימנים פון פערברעכערישע טאטען, וואס ווערען פערווערט אין ארט. 100 פון שטראף=קאדעקס ; 5) אז די פיהרער פון צענטראלעוו האבען בלויז מיט'ן בע=שטימען דעמאנסטראציעס צום אויבינען צוועק, ארויסגעוויזען זייערע פערברעכע=רישע פלענער.

איבער די גרענעצען פון שטרעבונגען איז דער צענטראלעוו מחוץ'ן פארלא=מענט נישט ארויס. די פלענער פון צענ=טראלעוו זענען צו נישט געווארען נאך פאר'ן 14. סעפטעמבער 1930 דורכ'ן פו=נאנדערלאזען די געזעצגעבערישע קער=פערשאפטען, דורכ'ן ארעסט פון איינציגע

דיגטע אלס מיטגלידער פון צענטראלעוו אויסער'ן פארלאמענט האבען געשטרעבט אראפצוווארפען די רעגירונג און 2) צו, שטרעבענדיג דערצו, האבען זיי זיך בע=נוצט מיט אונלעגאלע מיטלען. עס איז קלאר, און אפילו די אנפיהרער פון צענ=טראלעוו אליין האבען זיך דערין מודה געווען און פיל פון די פערטיידיגונגס=עדות האבען ערקלערט, אז דער צענטרא=לעוו מחוץ'ן פארלאמענט איז ארגאני=זירט געווארען נישט נאר אראפצווארפען דורך א קאמף די הערשענדע רעגירונג, נאר האט געהאט נאך ברייטערע צילען : אומצוווארפען דעם הערשענדען רעזשים אין פוילען.

צו דעם צוועק האבען זיך די בעשול=דיגטע בענוצט מיט געוואלד=מיטלען, מיט אונלעגאלע מיטלען האבען זיי איינ=

בארטיי=אנפיהרער און די פעראָרדנונגען פון דער זיכערהייטס=מאכט.

אלע בעשולדיגטע אויסער סאוויצקי'ן האבען אנטייל גענומען אין קראקאווער קאנגרעס, וואס איז געווען דער ערשטער בעווייז פון אויסערפארלאמענטארישען צענטראלעוו און זיי האבען זיך סאלידא=ריזירט מיט די רעזאלוציעס פון קאנג=רעס. סאוויצקי איז, ווי די עדות האבען פעסטגעשטעלט, נישט געווען פאפולער ביי די מיטגלידער פון דער ראדיגער פאר=טיי. צוליב דעם האט דאס געריכט אנער=קענט, אז אין שייכות צו אלע בעשולדיג=טע, אויסער סאוויצקי'ן, איז זייער שולד אויפ'ן יסוד פון ארט. 102 פעסטגע=שטעלט געווארען.

דאן ווערען ארומגערעדט די מילדערנ=דע אומשטענדען, דאס וואס די בעשול=דיגטע האבען אנטיילגענומען אין די בע=פרייאונגס=קאמפען פאר פוילען'ס אינאפ=הענגיגקייט און דעריבער האט דאס גע=ריכט אנגעווענדעט די שטראפען, נעמענ=דיג אין אכט דעם ארטיקעל 53 פון שטראף=קאדעקס.

באלד נאכ'ן איבערלייענען די מאטי=ווען מעלדעט דער פארזיצער, אז אין משך פון דריי טעג קאנען די אנגעקלאג=טע מודיע זיין, צי זיי ווילען אריינטרא=גען אפעלאציעס.

דערויף שטעלט זיך אויף דער ערש=טער אדוו. בערענסאן, וועלכער מעלדעט אין נאמען פון ליבערמאן, אז ער וועט אריינטראגען אנ'אפעלאציע. באלד דע=רויף גיבען אלע פערטיידיגער אפ ענט=לויבע ערקלערונגען אין נאמען פון זייערע קליענטען.

פון די פערזאמעלטע געהען פיל צו צו די פער'משפט'ע און דעקארירען זיי מיט בלומען.

אויך דער פראקוראר מעלדעט, אז ער איז נישט צופרידען מיט'ן אורטייל און ער וועט פון זיין זייט אויך אריינטראגען אנ'אפעלאציע.

די פערטיידיגער ווענדען זיך דאן מיט א ביטע צום געריכט, אז מען זאל זיי גע=בען די מעגליכקייט באלד גענויער צו בע=קענען זיך מיט די מאטיווען. די ביטע ווערט בערוקזיכטיגט.

די פער'משפט'ע בלייבען ווייטער אויף דער פריי געגען דער זעלבער קויציע, וואס ביז'ן פראצעס.

דערויף ווערט דער לעצטער טאג אין „בריסקער" פראצעס געשלאסען.

אין משך פון איינציגע מינוט איז דער אורטייל געווען בעקאנט אין גאנץ ווארשא. דער רושם איז געווען אנ'אויסנעהמי=דער. די עקסטרא=אויסגאבען פון די צייטונגען זענען צוזאמען געווארען. דער אורטייל איז היינט געווען אין גאנץ ווארשא דאס געשפרעך פון טאג.

אין געוויסע קרייזען האט מען גע=שמועסט, אז איינער ס'וועט בעהאנדעלט ווערען די אפעלאציע, וועלען די אנגע=קלאגטע בעפרייט ווערען דורך אנ'אמ=נעסטיע און במילא וועלען זיי נישט הא=בען קיין מעגליכקייט צו רעהאביליטירען זיך דורכ'ן אפעלאציע=געריכט.

אין אוועגד איז פארגעקומען א פייער=ליכער באנקעט לכבוד אלע בעשולדיגטע און די פערטיידיגער. עס האבען אנטייל=גענומען פיל אנגעזעהענע פערזענליכקיי=טען פון די קרייזען פון דער רעכטער און לינקער אפאזיציע.

מיט א גרויסער רעדע איז ארויסגע=טרעטען דער פער'משפט'ער נארבערט בארליצקי.

דער באנקעט האט זיך פארצויגען ביז פארטאגס.

בית הכנסת „אהל יעקב"
גדאנסקע 18
מחר, בליל התקדש השבת פ' בא בין קבלת השבת ותפלת ערבית ישא נאום הסופר הנודע
מר ש. ימיאלי (פ. מילאקובסקי)
על הנושא „הנוער וקדושי האומה"
מתפללי ביהכנ"ס, הנוער ותלמידי ביה"סס מתבקשים לבוא.

Dr. med. W. Eychner
אקושער און פרויען-ארצט
וואוינט איצט
צעגעלניאנא 4 (נעבען קינא „טשארי"), טעל. 134-72
נעמט אן פון 2.30—4 און פון 7—8 אוונד.

דער זאַווערטשער רב
ר' מענדל לאנדא שליט"א
וואוינט איצט
אין לאדז, זאוואדזקא 46.
ער נעמט אויך אן דין תורות מיט בוררות.

„לינת - הצדק" — לאדז, — צעגעלניאנא 17.
דער פיזיקאליש-טעראפישער קאבינעט
איז טעגליך טעטיג פון 4-6, 1-11 און בעפינט זיך אונטערן אויפזיכט פון א דאקטאר-ספעציאל.
קווארץ-לאמפ דיאטערמיע
סאללוקס עלעקטרישע בעדער

א גענוצטער אויבערראק
נאר אין זעהר גוטען צושטאנד ווערט געזוכט צו קויפען. אפערטען אונבעדינגט מיט פרייז-אנגאבע אפצוגעבען אין אדמ. פון „ל. ט." אונטער „ס. ה."

אפראנט צימער
מיט אלע בעקוועמליכקייטען זאפארט איבערצוגעבען
אפערטען אפצוגעבען אין דער אדמיניסטראציע פון „לאדזער טאגעבלאט" אונטער „B."

בעקאנטמאכונג.
מיר מאכען בעקאנט די מיטגלידער פון געגענזייטיגען הילפס-פעראיין פון חתנים און כלות לאדז אז פון 27 דעצ. 1931 געפינט זיך נישט מעהר דער פעראיין אויף זיעלאנא 26 (גרינער מארק № 1) נאר ביים ה' פרעזעס יוסעל עהרליך, שרודמיעסקא № 19 און מיר אונטערשריבענע זענען נישט מעהר פעראנט-ווארטליך פאר דער ווייטערדיגער פאלגען.
מיט דרך-ארץ
מענדיל הימעלפארב, יחיאל פינטשעווסקי
ישראל קארמיאל, ברוך פיינסקי

Dr. Wołkowyski
צעגיעלניאנא 4
טעלעפאן 216-90
ספעציאל-ארצט פאר הויט וועגערישע קראנק-הייטען און מענער-שוועכע. אלע-ארט אנאליזע
בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראלען.
נעמט אן פון 9—2, און פון 5—9 אוונד.
באזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

לאוואל שאפט די נייע פראנצויזישע רעגירונג

העריא און באנקור זיך אפגעזאגט אנצונעמען מיניסטארען-פארטפעלען

פ א ר י ז, 13 יאנואר (ספעצ.) לויט דער פראנצויזישער טראדיציע אין פנחגים האט דער פראנצויזישער פרעזידענט דומער היינט איינגענומען דעם פארזיצער פון סענאט דע ברון. דעם פארזיצער פון פארלאמענט בואיסאן און דעם עלטסטן דעפוטאט קאמסאן.

דאן האט דער פרעזידענט איינגענומען די פירער פון די פאליטישע פארטייען. פון די ראדיקאלען: העריא. די סאציאליסטן האט רעפרעזענטירט לעאן בלום. דערויף האט דער פרעזידענט אפיציעל באוואלמעכטיגט דעם אמטירנדן פרעמיער לאוואל צו שאפן די נייע פראנצויזישע רעגירונג.

פ א ר י ז 13 יאנואר (ספעצ.) לאוואל טרעט אן אויף גרויסע שוועריג-קייטן ביים שאפן די נייע רעגירונג.

אין משך פון טאג האט ער זיך געווענדעט צום פארזיצער פון דער אויסער-קאמיסיע פאול באנקור און איהם פארגעלייגט אנצונעמען דעם אמט פון אויסער-מיניסטער. באנקור האט אבער נישט מסכים געווען. אויך העריא איז נישט איינגעגאנגען צו ריינטרעטן אין קאבינעט.

ביז שפעט אין אווענט האט זיך איהם איינגעגעבן צו בעוועגן בלויז דעם אמט פון אגרער-מיניסטער, דעם אמט האט אנגענומען דער געוו. פרעמיער טארדיע.

בעראטונג פון אלע יודישע קהלות אין דייטשלאנד

וועגען דער דראהענדער לאגע פון דייטשע יודענטום

ב ע ר ל י ן, 13 יאנואר (יט"א טעלעגר.) היינט איז פארגעקומען א גע-היימע בעראטונג פון רעפרעזענטאנטן-ראט פון דער יודישער קהלה אין בערלין, וועלכע האט בעראכט דעם פארשלאג פון דער ציוניסטישער פראקציע צו נעמען א שטעלונג צו דער איצטיגער פאליטישער לאגע פון די דייטשע יודען און די ווייטערדיגע שריט, וואס דארפן אנגענומען ווערען.

די בעראטונג האט געדויערט 5 שעה. ס'איז ברייט ארומגערעדט געווארן די דראהענדע לאגע פון דייטשן יודענטום. ס'איז געקליבן געווארן א גע-מישטער קאמיטעט צו בעהאנדלען די לאגע און אויך צו ענטווירען מכח שאפן א ספעציעלן דיספאזיציע-פאנד צו דעם צוועק. ס'איז אויך בעשלאסן געווארן צו רופן א בעראטונג פון אלע יודישע קהלות אין דייטשלאנד, כדי אנצונעמען געהעריגע מאס מיטלען נעגען דער געפאהר, וואס דראהט דעם דייטשן יו-דענטום.

20 טויזענד דאלאר פאר'ן קרן-קימת

נ י ו - י א ר ק, 13 יאנואר (יט"א טעלעגר.) אין עדיסאן-האטעל איז פאר-געקומען א ריזיגער באנקעט לכבוד דער 30-יעהריגער עקזיסטענץ פון נאציאנאל-פאנד. מיט רעדעס זענען ארויסגעטרעטען נחום סאקאלאוו, לואי ליפסקי, הרב בערלין, נייגען א. א. אויפ'ן ערט זענען געזאמעלט געווארן 20 טויזענד דאלאר איינצוקויפען 800 דונאם באדען.

3 מענשען צושניטען פון א צוג

ו י ל נ ע, 13 יאנואר (טעלעפ.) דער צוג וואס קורסירט צווישען בארא-נאוויטש און ווילנא איז ביי בילצין ארויף אויף א פוהר. 3 מענשען זענען דער-הרג'עט געווארען.

געשטארבען געוו. גריכישע קעניגין

פ ר א נ ק פ ו ר ט, 13 יאנואר (ספעצ.) דא איז געשטארבען די געוועזענע גריכישע קעניגין סאפיא. זי איז אלט געווען 62 יאהר. לעצטענס איז זי געווען קראנק און זיך געפינען אין א קליניק, וואו זי איז געשטארבען.

רוהיגע דעמאנסטראציעס פארן פראנצ. פארלאמענט

פאדערן אפצושאפען די רעפאראציע-חובות; איבער 1500 מאן ארעסטירט

פ א ר י ז 13 יאנואר (ספעצ.) פארן בנין פון פארלאמענט איז נעכטען געקומען צו רוהיגע און אויסערסט-גוואלדיגע דעמאנסטראציעס. פון קאמוניסטען די דעמאנסטראנטען האבען געפאדערט צו שטרייכען די רעפאראציע צאהלונגען.

עס איז געקומען צו א לאנגען קאמף מיט דער פאליציי, וועלכע האט זיך בענוצט מיט שיקאווקעס פון די פייערלעשער פונאנדערצוטרייבען דעם המון. דערביי זענען פארגעקומען רעקארד-ארעסטען.

סך הכל האט מען צופעפירט אין די קאמיסאריאטען איבער 1500 דע-מאנסטראנטען. פון זיי האט מען א טייל בעפרייט נאכ'ן לעגיטימירען זיך און 600 מאן זענען אפגעטראנספארטירט געווארען אין די תפיסות. צווישען פיל פרעמדע בירגער.

פאר פרעסע-פארשטעהער האט דער אינערן-מיניסטער ערקלערט, אז אלע פרעמדע, וואס האבען זיך בעטייליגט אין די דעמאנסטראציעס פאר'ן פארלא-מענט-בנין וועלען ארויסגעשיקט ווערען פון פראנקרייך.

גרויסע שרפה אין א ציר-ק

12 העלפאנטן פערברענט געווארן לעבעדיגערהייט

ב ר י ס ע ל, 13. יאנואר. (סב.) נעכ-טען 9 אזייגער אוונט איז אין אנטווערפען אויס-געבראכען א שרפה אין צירק, וואס געפינט זיך אויף א פארשטאט. דאס פייער האט זיך פערשפרייט מיט אזא שנעלקייט, אז מען האט נישט בעוויזען ארויס-צופיהרען אלע חיות. די זשאנדארמעריע האט מיט בוקסען-קוילען דערשאסען די ווילדע חיות. 12 העלפאנטען זענען לע-בעדיגערהייט פערברענט געווארען. בעת דער שרפה איז ארויסגעלאפען אויף דער גאס א לייב, וואס עס האט ארויסגערופען א גרויסע מהומה. ערשט א סערזשאנט האט אויהם אוועקגעלייגט א טויטען מיט איינציגע רעוואלווער-שאסען.

§

פון דער אויסערן-קאמיסיע ביים סיים

וו א ר ש א, 13. יאנואר. (טעלעפאנוש) אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער סיים-קאמיסיע פאר אויסערן-ענינים זענען בע-טראכט געווארען די ראטיפיקאציעס פון איניגע אפמאכען. די גאהענטסטע זיצונג קומט פאר שבת.

פון דער בודזשעט-קאמיסיע

וו א ר ש א, 13. יאנואר. (טעלעפאנוש) היינט האט די בודזשעט-קאמיסיע בע-טראכט דעם בודזשעט פון פרעזידיום פון מיניסטארען-ראט.

דער רעפערענט טעילט מיט, אז דער ארגאניזיר-סטאטוט פון פרעזידיום פון מיניסטארען-ראט איז לעצטענס געענ-דערט געווארען. דאס ביודזשעט פונם ראט האט פערקלענערט און גאנצע לאנג 20 טויזענד שטאטען. דער רעפערענט רעדט דאן ארום די טעטיגקייט פון העכסטען ארמיניסטראטיווען טריבונאל. אין יאהר 1930 האט דער ארמיניסטראטיווער טרי-בונאל ערלעדיגט 7513 ענינים. דאן רעדט דער רעפערענט ארום די אפטיי-לונג פון די מלוכה-אונטערנעהמונגען. צום סוף לויגט דער רעפערענט פאר אנצונע-מען דעם בודזשעט.

דעפ. משאפינסקי פארערט, אז צו דער זיצונג זאל קומען דער פרעמיער פריסטאר.

דער פארזיצער דעפ. בורקא שטעלט נישט דעם פארשלאג צו אפשטימונג, היל טענדיג, אז עס איז נעגוג, וואס עס איז געקומען אלס פארשטעהער פון דער רע-גירונג וויצע-מיניסטער סטאמיראווסקי.

דעפ. משאפינסקי שטעלט דאן 3 פראגען: 1) פארוואס איז דער סיים אפגע-לייגט געווארען ? 2) צי וועלען די בע-אמטען-פענסיעס אויפסניי פערקלענערט ווערען ? 3) וויפיל אמת איז דא אין די קלאנגען וועגען דער ענדערונג פון די בע-ציהונגען מיט די אוקראאינער ?

דעפ. ראזמארין פערלאנגט, אז די מלוכה-אונטערנעהמונגען זאלען אפגע-טיילט ווערען פון מיניסטארען-ראט.

דער אוקראאינישער דעפוטאט לוצקי קריטיקירט דעם פאנד פאר נאציאנאלער קולטור ביים מיניסטארען-ראט. צוליב זיינע שארפע ווערטער איז ער איינינע מאל גערופען געווארען צו ארדנונג און צום סוף האט דער פארזיצער איהם צו-גענומען דאס ווארט.

אויף דער נאכמיטאג-זיצונג האט דעפ. ראזמארין אונטערשטרייכט צוליב די קאני-פיסקאציעס פון די יודישע צייטונגען פאר איבערגעבען דעפ. זאהרקעוויטש'ס רעדע וועגען שלאגען אין די תפיסות.

דער אינערן-מיניסטער פיערעצקי האט געענטפערט, אז צוליב דעם, וואס די קאנ-פיסקאציעס פאר איבערגעבען בערוכטען פון אנ'אפענער זיצונג פון סיים זענען געגען דער קאנסטיטוציע, האט ער בע-פוילען דעם ווארשאווער רעגירונגס-קא-מיסאר צוריקצוציהען די קאנפיסקאציעס.

§

מאגינא געסמט?

פ א ר י ז. 13 יאנואר (ספעצ.) אין פאריז האט זיך פערשפרייט א קלאנג, אז דער קריגס-מיניסטער מאגינא איז נישט געשטארבען מיט א נאטירליכען טויט, נאר מען האט איהם געס'מ'ט.

היינט איז די מלחמה-געפאהר גרעסער, ווי אין יולי 1914

דער אמעריקאנער פלאט מוז זיין גרייט צו יעדע מינוט

נ י ו - י א ר ק. (סב.) אויף דער נעכטי-גער זיצונג פון אמעריקאנער סענאט, האט דער געוו. קריגס-מיניסטער און איצ-טיגער סענאטאר באקער ערקלערט, אז די מלחמה-געפאהר איז היינט גרעסער, ווי אין יולי 1914. די פעראייניגטע שטאטען מוזען רעדוצירען אנשטרענגען אלע כחות און שטעהן אויף דער וואך, כדי דער שונא זאל נישט פערלאפען דעם מאציפיק. דערויף האט נענומען א ווארט דער פלאט-מיניסטער, וועלכער האט ער-קלערט, אז די רעגירונג וועט זיך ווענדען צו די פארשטעהער פון פאלק תיכף צו בעשטימען א קרעדיט און דער הויך פון 616 מיליאן דאלאר, כדי צו קאנען האל-טען דעם אמעריקאנער פלאט אין קריגס-צוגרייטונג. דער פלאט מוז זיין יעדע מי-נוט גרייט צו קאנען ארויסלאזען זיך אויפ'ן ים. די לעצטע מאנעווערעס האבען בעוויזען, אז דער פלאט איז נאך נישט אין געהעריגע צוגעגרייטקייט צום קאמף.

דער סענאט האט אויסגעהערט שווי-גענדיג די ערקלערונג פון פלאט-מיניסטער. אלע גרופירונגען האבען זיך אפגע-האלטען צו נעמען א ווארט און דער דיס-קוסיע. ס'איז פאראויסצוזעהן, אז ווען די פראגע פון די רעדוצירטע וועט נעשטעלט ווערען אויף דער טאג-ארדנונג, וועט דער סענאט זיי איינשטימיג בעשטעטיגען.

ראדיא פראגראם

דאנערשטאג 14 יאנואר

(לאדז) 11.58 צייט סיגנאל, 12.10 גראמאפאן פליטען, 12.35 שול-קאנצערט פון דער ווארשאווער פילהארמאניע — 14 הפסקה, 15.50 קינדער פראגראם. 16.20 מיקעל קורס פון פראנצויזישע שפראך 16,40 גראמאפאן פליטען, 17.10 פארלעזונג פון הילדונג, 17.35 קאמערטאל קאנצערט 18.50 פארשידענעס 19.15 קאמוניקאטען. פראגראם פון קומענדען טאג, 19.30 פילם קאלענדאר, מאטעמאטיק פראגראם, גראמאפאן פליטען, 20 — פעליעטאן 20.15 אויראפעאישער קאנצערט — יוגאסלאוויש מוזיק 22.— פעליעטאן 22.15 מוזיק, צייטונג, וועטער בעריכט 22.40 טאנץ מוזיק

אידעס פוילישן „ווינטער-קעניגרייך"

א בריוו פון זאקאפאנע

א מאדנע געפיהל האט מיך בע-הערשט, ווען כ'האב סוף כל סוף בע-שלאסן מאכען הי-יאהר א „לוקס-רייזע" קיין זאקאפאנע. עס פאסט זיך עפעס נישט דער היינטיגער שווערער קריזיס, ווען צעהנדליגער טויזענדער מענשען חלומ'ען וועגען א טרוקען שטיקעל ברויט, מיט א רייזע קיין זאקאפאנע, אפילו אויף געצעהלטע טעג.

קומענדיג אבער אויף דער באהן איז דאס דאזיגע געפיהל בוסלעכווייז פער-שוואונדען געווארען. כ'בין נישט געווען קיין יחיד אין דעם פרט... הונדערטער מענשען, אלט און יונג, פון פערשידענע שיכטען, האבען בעלאגערט דעם ארויס-גאנג צום צוג קיין זאקאפאנע. מ'האט זיך ממש געשלאגען פאר א שטיקעל פלאץ און וואגאן צו שטעהן. צוועלף שעה נאכאנאנד זענען מענשען געשטאנען קאפ אויף קאפ, אנגענומען באהבה אלע חבלי נסיעה, אפי צו קענען געניסען עט-ליכע טעג פון דער געטליכער נאטור, מיט וועלכע דאס פוילישע ווינטער-קע-ניגרייך איז בעשאנקען. אויף יעדער סטאציע איז דער צוג „געשוואלען" גע-ווארען מיט ווייטערע הונדערטער פא-סאזשירען און מיט'ן ספעציפישען זא-קאפאנער באגאזש: גלוטשער'ס, סקי'ס (נארטעס) און שליטלער.

אין זאקאפאנע האט דער צוג אויס-געשפיגען א טויזענד קעפיגען האלב-פערשלאפענעם עולם. די „פיאקערס" מיט זייערע שליטלער האבען מיט פרייד מקבל פנים געווען די געסט, אויך וועל-כע זיי, און גאנץ זאקאפאנע, קוקען ארויס שוין חדשים.

די הערליכע זאקאפאנער זון און דער ווייסער שניי, וועלכער קוקט ארויס א שמיכלענדיגער פון די ריזיגע בערג, פער-בלענדען די אויגען און ציהט צו זיך ווי א מאגנעט.

דער זאקאפאנער ווינטער-סעזאן דויערט פונם 15 דעצעמבער ביז ענדע פעברואר, דער „הויך-סעזאן" אבער, רעכענט זיך נאר ביז'ן 15 יאנואר. אויף איהם קומען ארוים 25 טויזענד אנגעזאגטער און אז-בערהויפט די 600 פענסיאנאט איינגענטי-מער. דאס לעצטע יאהר לעבט זאקא-פאנע איבער א שרעקליכען קריזיס. דער גרעסטער טייל פענסיאנאט איינגענטי-מער זענען בטעט, ווי באנקראט. דאס הויכע דירה-געלד האט זיי ממש רואי-נירט, אזוי, אז זיי זענען נישט אים-שטאנד אפצאהלען דאס, וואס קומט פון זיי און די געלבער און די יאטקעס.

אמת, די פרעקווענץ פון די געסט איז הי-יאהר גאנץ בעדייטענד. פיודעים זע-נען געקומען אויף דעם סעזאן ביז א 15 טויזענד געסט און א פאר טויזענד בלא יודעים. וואס קומט אבער ארוים, אז דער גרעסטער טייל איז געקומען מיט'ן אויסגעצעהלטען גראשען. מ'האלט דעם בלייפערדער און האנט און מ'זארגט פארן „גלייכגעווילט פונם בודזשעט"... ווארום יעדער איינער מיט א „גאש בראט", זאגט ער אמיך, אז נישט צוליב'ן עסען און וואילטאג איז ער אהערגעקומען, נאר כדי איינצוזאפען און זיך די הערליכע זאקאפאנער לופט, און די לופט, פער-שטעהט זיך, קאסט בטעט, ווי גארנישט, בלויז 16 גילדען קור-טאקסע פאר 10 טעג...

* * *

האבען שוין הערויף א חזקה פון יאהרען לאנג. רעדנאר ערשט קומט ווארשא, פויזע, אויבערשלעזיען, קראקא, לעמבערג און די קרעסן. די אמאליגע „סמאלע" זאקאפאנער געסט — די פארפען-קעפ, די גרויס-אינדוסטריעלער און סוחרים, זענען זעהר וועניג פערטרעטען. זיי בע-גנוגען זיך מיט די גוטע ערהוילונגען פון אמאל, ווען אין א קורצע פאר טעג אבען זיי אין זאקאפאנע „פערלוסטעט" שווערע טויזענדער זלאטים. און דער מיטעלער קלאס, וועלכער בעמערקט זיך יא אין זאקאפאנע, זענען אויך נישט גע-קומען לשם תענוג, נאר כדי צו אנזאמ-לען פרישע כחות צו קענען בעשטעהן די פראטעסטען, באנקראטען און נאריזא-רען, וועלכע לויערן אויף זייערע קעפ... דאנענגען מעהר ווי אלע אנדערע איז דאס יאהר שטארק פערטרעטען די אזוי גע-רופענע ארבעטענדע אינטעליגענץ, וועל-כע קומט דורכלויפען די אנגעצויגענע לונגען און די בראנקישע קאטארען. און כדי די רייזע-הוצאות זאל נישט בעלאס-טען זייער ארימען בודזשעט, זענען זיי ארגאניזירט אין „קאלעקטיוועו".

אזעלכע קאלעקטיוועו זענען דא אין די צענדליגער. קודם כל די לעהרערשאפט פון די עלעמענטארע מלוכה'שע און פרי-וואטע שולען, יודישע און קריסטליכע, מיטעל-שולען, „קולטור-ליגע", יודישע געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט, שו-לער, אקאדעמיקער, האנדעלס-אנגע-שטעלטע א. אז. וו.

* * *

די צוקערניעס און די פערוויילונגס-ער-טער זענען אויך אינצט איבערפולט. גוט קוקענדיג רערויף קלאגען זיך שטארק די אונטערנעהמער. נישטא אמאליגע צייטען. ווען די ווינטער-געסט פלעגען איבערלא-דען און זאקאפאנע שווערע הונדערטער טויזענדער זלאטים. מ'דאנקט היינט גאט, אז מ'קען זיך ערלויבען אויף א גלאז טיי (אגב זעהר נישט קיין געשמאקע) און א „האלב-שווארצע" מיט א טישאסטע, אפי צו פערברענגען א פאר שעה און די לאנגע ווינטער-אווענדען, כאטש אויך דאס פערברענגען קאסט נישט בילוג...

נישט קוקענדיג, וואס הי-יאהר מאכען די יודישע געסט אויס נישט מעהר ווי פופציג פראצענט פון אלע געסט, זענען זיי דאך אומעטום די הויפט-„מחותנים" אז מען שמועסט אנ'עמא פויזא...

* * *

א הויפט פונקט פערוויילונגען און אימפרעזעס האט זאקאפאנע צוגעגרייט פאר איהרע ווינטער-געסט. די נאכטען זענען פערפלייצט מיט לידויש-לבנה'דיגע פלאקאטען וועגען: פערד-געיעגען, סקי-קאנקורסען, אוטא-אימפרעזעס און אלער-לי משחית'דיגע שפרינגערטען. זענען דאך די מענשען בטבע פול מיט רחמנות, געהט מען מאכן בנערינו וזקנינו באפען די אמת'ע עמאציעס. אלע פערוויילונגס-ערטער ווערען פיל מענשען און ס'איז צו בעוואונדערן די שטארקע נערווען פון די אנטיילנעמער. אויף די „לופקעס" ווערט געטריבען לעבעדיגער ספארט אויף נארטעס און שליטלער און דאך איז נישט איינער מפקיר זיינע הענט און פיס. האט דאך מאכן געטראפען אויף די „קראקווס", אז דער פוילישער סקי-מייסטער דאט אזוי צומויק'ט צוויי פרויען, אז מ'האט זיי געמוזט אפפיהרען און שפיטאל...

דער איבריגער עולם ווערט אבער ווע-נינ נתפעל דערפון. ווארום, וואס זענען בס"ה צוויי פרויען-פיס אנטקעגען די „קפיצת-הדרך" פון א 1000-מעטעריגען שפרונג בארג-אראפ?...

* * *

שוין פון דער פרוה אן זענען די גא-סען איבערפולט מיט די ספארטלער. אנ-געטון, ווי זומער-צייט מיט ענטבלויזטע קעפ לאזט מען זיך אין געיעג מיט די סקי, ווער אין די סאהלען, ווער אויף די שנעי-בעדעקטע בערג און ווער אין די בערג-האליעס. ווען די זון שמייכעלט צו, איז די שמחה אין לשער. אויך דאס שעה-נע געשלעגל און די הייזען שטעהט נישט אפ און ענין ספארט, מ'זעהט פשוט גוט א קליינעל און די אויגען... טויזאנ-צעהט קעהרט זיך אום די מתנה ספארטלער און די פענסיאנאטען און מ'מאכט די אמת'ע סעודה. די שפייזען, ווי די שפייזען, אבער אפעטיט פעהלט נישט...

און זאל אויך צווישען אנדערע ספאר-טען דערמאנט ווערען דער ברוך-ספארט. אזוי פיל ברוך, וויפיל עס ווערט אויס-געשריבען און זאקאפאנע, שרייבט מען נישט און ערגיץ. אז פאר 90 גראשען בס"ה קריגט מען צו קויפען גאנצע 15 זאקאפאנערבילדער. נו, שרייבט מען מאכן אויף וואס די וועלט שטעהט, אפילו צי גאניץ וועט בעקאנטע. זאלען זיי ווי-סען, אז מ'לעבט, מ'שטייגט געוואנט, א מאג און זאקאפאנע, אויף צו להכעיס דעם זאקאפאנער „ראזוואי", וועלכער ווערט אויך הייזעריג פון שרייען „סוואי-רא פוועגא, פא סטאיע".

ארימע יודען-פראפעסער! שעהן וואלט איהר אויכגעוועהן אפילו אהן די 50 פראצענט יודישע געסט. נישט פון האלבע-ווינטען און פרעסט וואלט איהר אוים-געפרוירען געווארען, נאר פונם פראסט, וואס וואלט געבלאזען און אייערע קע-שענעס!...

ש. ראזענשטיין

דער ווינטער-ספארט אין זאקאפאנע

יונגע קינדער אויף סקי'ס

דער גרעסטער טייל פון די זאקאפא-נער געסט זענען איינזערע לאדזשער. זיי

ניט צו שטאַרבען פאַר'ן פאַטערלאַנד, נאָר צו לעבען פאַר'ן פאַטערלאַנד.

ווי אַזוי די דעמאָקראַטישע עלעמענטען אין דייטשלאַנד דעמאָנסטרירען פאַר דער ענטוואָפענונגס-קאָנפערענץ

(אַ בריף פון בערלין צום „לאָדזשער טאַגעבלאַט") — פון י. מ. גליקסמאַן

אויפ'ן סדר-היום פון דער פעברואַר-סעסיע פון פעלקער-בונד געפינט זיך אויך די פראַגע וועגען ענטוואָפענונג. דער ווערסאַלער טראַקטאַט האָט כּדי צוליב טאָן ווילסאָנען, געמאַכט פאַר אַ חוב די ענטוואָפענונג אויך פאַר די זיגער-פעלקער. דער טראַקטאַט האָט אָבער נישט בעשטימט בפירוש דעם טערמין און דעם אופן פון ענטוואָפענונג פאַר די זיגער-פעלקער. פראַנקרייך און איהרע בעלי-ברית טענה'ן דעריבער: יאָ ענטוואָפענען זיך, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלען האָבען די נויטיגע זיכערקייט, אַז דער ווערסאַלער טראַקטאַט וועט אָפּגעהיט ווערען אין אַלע זיינע פּרטים. דייטשלאַנד ווידער טענה'ט אַז די ענטוואָפענונג גופא וועט פיהרען צו זיכערקייט און פערלאַנגט די ענטוואָפענונג אויפ'ן יסוד פון גלייכקייט און גערעכטיגקייט פאַר אַלע פעלקער.

צו דער דאָזיגער מיינונג זענען אויך נוטה אַלע אינטערנאַציאָנאַלע פּאַציפיסטען. דזשאַק קייסער, אַ פראַנצויזישער פּאַציפיסט, האָט זיך אַפילו דערלויבט צו בעמערקען, אַז דער ווערסאַלער-טראַקטאַט האָט דעם שלום גאַרנישט בעפעסטיגט, נאָר, אדרבא, ער איז אַ המשך פון דער וועלט-מלחמה און מוז אָפּגעשאַפט ווערען.

דערווייל ווערען סיי אין פראַנקרייך סיי אין דייטשלאַנד געמאַכט גרויסע דעמאָנסטראַציעס פאַר דער ענטוואָפענונג אידעע. אין פּאַריז איז אַזאַ דעמאָנסטראַציע צום ערשטען מאָל אַדורכגעפאַלען. די פראַנצויזישע נאַציאָנאַליסטען האָבען אין טראָקאַדעראָ די פראַנצויזישע און אויסלענדישע רעדנערס צווישען זיי דעם לאָרד סעסיל, נישט צוגעלאָזט צום וואָרט.

אין בערלין זענען פאָרגעקומען 2 אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס.

איינע האָט צונויפגערופען די קאָמיסיע פון אַלע דייטשע פערבאַנדען און ס'האָבען אַנטייל גענומען אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען פון די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטען ביז דער דעמאָקראַטישער מלוכה-פּאַרטיי. די סאָציאַל-דעמאָקראַטען און קאָמוניסטען האָבען אין דער דעמאָנסטראַציע קיין אַנטייל נישט גענומען.

די פערזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין פּלענאַר זאַל פון רייכסטאַג. אַלע פּלעצער, סיי אין זאַל סיי אויף די טריבונעס, זענען געווען שטאַרק בעזעצט.

דער ערשטער רעדנער איז געווען אַ נאַציאָנאַל-סאָציאַליסט גענעראַל פאָן עפּ; דייטשלאַנד — האָט ער געזאָגט — איז אַרומגערינגעלט, אַ חוץ דער באָלשעוויסטישער רוסלאַנד, פון פראַנקרייך און איהרע בעלי-ברית, וואָס אַלע צוזאַמען זענען מכּה בשעת אַ מלחמה, בעוואָפענט מיט אַלע מאָדערנע כלי-זיין ווי שווערע אַרטילעריע, טאַנקס, מיליטערישע לופט-שיפען און אונטער-וואַסער - שיפלען, עטקעג. בצושטעלען 100 — 90 מאָל אַזויפיל זעלנער ווי מיר ד. ה. אַנ'צרך 9—10 מיליאָן, בשעת דער ווערסאַלער טראַקטאַט האָט דייטשלאַנדס מיליטער בעגרעניצט אויף 100.000 מאַן און די מאָדערנע בעוואָפענונג נישט דערלויבט.

דער רעדנער פערלאַנגט, אַז די דייטשע רעגירונג זאָל אין גענף פאָדערן: אַלע מדינות מוזען זיין גלייך ענטוואָפענט, און ביים דער רוב וועט עס נישט נאָכגעבען, זאָל דייטשלאַנד אַרויסטרעטען פון פעלקער-בונד און זיך בעוואָפענען, ווי זי האַלט עס פאַר נויטיג.

די וועלט מוז וויסען, אַז די איצטיגע דייטשלאַנד איז נישט די דייטשלאַנד פון 1919 (וואָס האָט אונטערגעשריבען דעם ווערסאַלער-טראַקטאַט), נישט פון 1924 (וואָס האָט די פראַנצויזען אַריינגעלאָזט אין רוהר-געביט) נאָר דייטשלאַנד פון נאָכ'ן 14 סעפּטעמבער 1930 (דעמאָלט האָבען די נאַציעס אָבגעהאַלטען זייער גרויסען וואַהל-נצחון פון 12 דעפּוטעטען זענען זיי געקומען צו 107) און איז נישט ברעה זיך לאָזען פון ווטמען עס איז דיקטירען.

אויך די רעדנערס פון די אַנדערע רעכטע פּאַרטייען האָבען אין זייער שאַרפע ווערטער פערלאַנגט די פוילע ענטוואָפענונג און אויב אייראָפּע וויל זיך נישט ענטוואָפענען, צורייסט זי אַליין דעם ווערסאַלער טראַקטאַט, ממילא פערלירען אויך די אַנדערע פונקטען פונם דאָזיגען טראַקטאַט זייער גאַנצען ווערט און דער טראַקטאַט איז ומבוטל.

די רעדנערס פון קאַטוילישען צענטער און דעמאָקראַטישער מלוכה-פּאַרטיי האָבען נישט בענוצט אַזעלכע שטאַרקע אויסדרוקען ווי: דייטשלאַנד זאָל אַרויס-טרעטען פון פעלקער-בונד און דער ווערסאַלער-טראַקטאַט איז בטל. האָבען אָבער אויך פערלאַנגט, אַז די רעגירונג זאָל ענערגיש פערלאַנגען פון אַלע פעלקער די פוילע ענטוואָפענונג.

די צווייטע דעמאָנסטראַציע האָט צונויפגערופען דער רעליגיעז-בונד פאַר'ן שלום, צו וועלכען עס געהערען די אנהענגערס פון דער יודישער, קאַטוילישער און עוואַנגעלישער אמונות. די דעמאָנסטראַציע איז פאָרגעקומען אין שטאָט-הויז. אויך דאָ איז דער גרויסער זאַל און טריבונעס געווען פול-געפּאַקט. פאָרזיצער איז געווען דער עוואַנגעלישער סופּער-אינטענדאַנט אונגאַר, וועלכער האָט דערקלערט: פונקט אַזוי ווי די פראַנצויזישע און אַלע אינטערנאַציאָנאַלע פּאַציפיסטען, מוזען אויך מיר שטרעבען, אַז אין גענף זאָל בעשטימט ווערען די פוילע ענטוואָפענונג, אָבער מיר מוזען זיך היטען צו וועלען זיין דאָ אַ געריכט וואָס גיט אַרויס אַ פּסק דין אויף אַנדערע פעלקער.

מיר מוזען מודה זיין, אַז די דייטשע ענטוואָפענונג איז נישט געקומען, ווייל מיר זענען אַזעלכע גרויסע פּאַציפיסטען, נאָר ווייל די זיגער-מדינות האָבען אונז מיט געוואַלד ענטוואָפענט. קומט אונז דערפאַר קיין שום יושר כּח נישט און דאָס איז אויך נישט די אמתע ענטוואָפענונג. אַז די ענטוואָפענונג זאָל זיין פולקאָם, מוז זי קומען פון האַרץ און פון דער נשמה. דער לאַטיינישער מאמר: „ווילסטו שלום בעוואָפען זיך", מוז געענדערט ווערען: ווילסטו שלום, טאָ „ואהבת לרעך כמוך". דערצו מוז אויך דער לימוד פון געשיכטע און אונזערע שולען געענדערט ווערען; גיבּורים זענען נישט די, וואָס הרגענען און ווערען געהרגעט נאָר די אמתע גיבּורים זענען די אַרבייטער, וואָס ברענגען נוצען מיט זייער אַרבייט דער גאַנצער מענשהייט, ווי, למשל, אַרבייטער אין קוילען גרובען.

מיר שאַצען אויך נישט אָפּ די העלדישקייט פון די מיליאָנען אַרבייטסלאָזע וואָס ליידען נויט און עלענט גאַנץ אומשולדיג און טראָגען דערביי זייער גורל רוהיג און געדולדיג. דאָס דאַרף מען לערנען אין דער היסטאָריע-שטונדע אין די שולען.

פּראָפ. געאָרג בערנהאַרד זאָגט אין זיין אויסגעצייכענטער רעדע: דער פעלקער-בונד מוז זיך ערשט ענטוויקלען. דאָס, וואָס מיר האָבען היינט, איז אַ בונד פון רעגירונגען, נישט פון פעלקער. אַז ער וועט ווערען אַן אמתער פעלקער-בונד, וועט די פערבלוטיגטע און אָנגעצווייפעלטע מענשהייט דערפון האָבען גרויס נוצען. פון דער איצטיגער אינסטיטוציע מוזען מיר לעת עתה ענערגיש פאָדערן, זי זאָל נישט דערלאָזען, אַז די אייראָפּעאישע צי-

(ענדע זעה זייט 6)

משה ליטוואַק שלאָגט זיך „על חטא"

מאָסקווא (יטא) דער שעף-רעדאַקטאָר פון „עמעס" משה ליטוואַקאָוו פערעפענטליכט אין דער לעצטער נומער אַ פול-שפּאַלטיגען אַרטיקעל, אין וועלכען ער שלאָגט זיך „על חטא". ליטוואַקאָוו בעשולדיגט זיך אַליין אין אַ גאַנצע רייהע „זעהר שווערע און גראָבע פעהלערן", וואָס ער איז בעגאַנגען אין די ערשטע יאָהרען פון זיין צוגעהעריגקייט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צווישען 1921 און 1926.

ער אַנערקענט זיך שולדיג פאַר „פעהלערן נאַציאָנאַל - מענשעוויסטישע, רעכט אָפּאָרטוניסטישע, נאַציאָנאַל-אָפּאָרטוניסטישע, נאַציאָנאַל - אָפּאָטוניסטישע, פאַר סאָציאַליסטיש - עסטעטישע און ליבעראַל-פאָלקס'ע".

אויף די אַלע חטאים האָט ער שוין, ווי ער שרייבט, נישט איינמאָל עפענטליך חרטה געהאַט און פון אַלע פעהלערן זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט. נאָר היות זיינע „נאָך-מענשעוויסטישע, רעכט - אָפּאָרטוניסטישע און אַנדערע פעהלערן", הריי קען זיך אויס אין זיינע צוויי פערעפענטליכטע ביכער („און אימרות" און „5 יאָהרען יודישע קאַמער-טעאַטער"), וואָס האַלטען נאָך אין ווירקען אויפ'ן לעזער, האַלט ליטוואַקאָוו פאַר זיין באָלשעוויסטישען חוב נאָך אַמאָל צו געבען „אַ פוילען צעטעל" פון אַלע זיינע בעגאַנגענע פעהלערן.

צווישען אַנדערע פעהלערן, אַנערקענט זיך ליטוואַקאָוו שולדיג אין אַ „גראָבען נאַציאָנאַל - אָפּאָרטוניסטישען פעהלער" דערמיט, וואָס ער האָט אין איינינגע פאַלען אידעאַליזירט דעם „בונד" און מאָמענט פון זיין אויפקום, ד. ה. אין די 90-ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, שרייבענדיג, אַז דער „בונד" איז דעמאָלט געווען די „אָרגאַניזאַציע פון יוגענדליכען כּחן פון רעוואָלוציאָנערען יודישען פּראָלעטאַריאַט".

„דער אַנטיסעמיטיזם אין דער דייטשער רעפּובליק"

גענף, (יט"א) דער „וועלט-אָרדען פאַר הומאַניטאַרע פערדינסטען", וואָס האָט זיין זיץ-אָרט אין גענף, האָט ערטיילט דעם אָפיציר-טיטול דעם יודיש-עסטרייכישען פּובליציסט דר. פריץ מאַרבורג (ווין) און פּרעמירט דעם לעצטענס בראָשור „דער אַנטיסעמיטיזם אין דער דייטשער רעפּובליק".

אין דעם בריף, וואָס דער אָרדען האָט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט צוגעשיקט ד"ר מאַרבורג'ן, ווערט צוו. אַנד. געזאָגט: „מיר בעטראַכטען דער אַנטיסעמיטיזם, פונקט ווי די מלחמה, אַלס רעשטלעך פון באַרבאַריזם, וואָס זענען אונווירדיג פאַר דער היינט-צייטיגער ציוויליזאַציע."

אין זיין בראָשור וועגען „אַנטיסעמיטיזם אין דער דייטשער רעפּובליק", וואָס ד"ר מאַרבורג האָט פערעפענטליכט מיט אַ קורצער צייט צוריק, ברענגט ער אַ גענויעם אַנאַליז פון דער איצטיגער יודען - פראַגע אין דייטשלאַנד, דעקט אויף די גאַנצע לעבערליכקייט פון די קוואַזי-וויסענשאַפטליכע טעאָריעס פון דייטשען אַנטיסעמיטיזם, צעהלט אויף סכעמאַטיש די פערדינסטען פון דייטשען יודענטום פאַר אַלע צווייגען פון דער דייטשער קולטור און ווירטשאַפט און רעפערירט די פאָרמען און מעטאָדען פון מאָדערנעם דייטשען אַנטיסעמיטיזם.

אַנ'אינטערעסאַנטען פאָרוואָרט צו דער בראָשור פון ד"ר מאַרבורג האָט געשריבען דער בעקאַנטער יודיש-דייטשער געלעהרטער פון האַנאָווער פּראָפ. ד"ר טעאָדאָר לעסינג, אין דעם פאָרוואָרט הייסט עס צוו. אַנד.:

„איך וואָלט געוואונשען, אַז דער יוד זאָל אַלס געוויסענס-וועקער, אַלס פאָדערער, אַלס אַנקלאַגער אויף פאָלגענדען אופן רעדען אין דייטשלאַנד: עס איז די בעסטע ברכה און דאָס גרעסטע גליק פון דייטשלאַנד, וואָס די דייטשע מלוכה און די דייטשע קולטור בעזיצען אַזעלכע מענער ווי מיר. ווילט איהר אונז נישט — גוט! מיר וואַרטען זיך נישט אָן. פּעלייריגט אונז, שטעלט אונז אונטער אויסנאַהמס-געזעצען, מיסהאַנדעלט אונז, — אויב אייך געפעלט. מאַסאַקרירט אונז. דאַן האָט איהר אויפגעהערט צו זיין אַ פיהרער-פאָלק. די אָבקלאַנגען פון אונזער גורל וועלען נאָך אין אויסער-דייטשע וועלטען און אין קומענדע צייטען געפינען זייער תּיקון. יעדער דענקענדער גייסט, יעדעס פיהלענדע האַרץ וועט פעראַכטען דייטשלאַנד, ווייל עס האָט געזינדיגט לגבּי די יודען..."

די בראָשור פון דר. מאַרבורג איז זעהר גינסטיג אויפגענומען געוואָרען דורך דער יודישער און יודען-פריינדליכער פּרעסע אין דייטשלאַנד, עסטרייך און דער שווייץ.

„סוחרים גדולים ונכבדים לפני המלחמה"

אָריגינעלער פעראיין פון דעקלאַסירטע יודן „אנשי סגולה"

אַלס פּראָדוקט פון שווערען קריזיס אויף דער יודישער גאַס איז אין ווילנא בעצייטענס געגרינדעט געוואָרען אַ נייע אָריגינעלער יודישער פעראיין, אין וועלכען ס'האָבען זיך פעראייניגט אַלע אַזויגערופענע „דעקלאַסירטע" יודען כּדי מיט געמיינזאַמע כּחות זיך צו ראַטעווען פון גוים און אונטערגאַנג.

וועגען דאָזיגען אָריגינעלען קריזיס-פעראיין שרייבט ד"ר י. וויגאָדסקי:

„דער בעמיטעלטער, חושב'דיגער יודישער לעבען זעהט אויס, ווי אַ שיף, וואָס אַ שרעקליכער שטורם טרייסעלט און שלייפט זי אַכזריות'דיג אויף אַלע זייטען... פון צייט צו צייט רייסט אַראָפּ דער ווילדער שטורעם פון שיף גרופּקעס מענשען און שלייטערט זיי אַריין אין ים; זיי כאַפּען זיך אָן פאַר ברעטער, פאַר שפּליטער, פאַר וואָס עס לאָזט זיך נאָר, און האַלטען זיך מיט די לעצטע כּחות, וואַרטענדיג און האָפענדיג אויף הילף... דער ווילדער שטורם בושעוועט אַכזריות'דיג; די שיף וויל נישט אונטערגעהן; יודען קעמפען פאַר זייער קיום מיט די לעצטע כּחות ביז צום לעצטען אָטעם...

געוועזענע יודישע סוחרים, קליינהענדלער, פאַבריקאַנטען, בעלי-מלאכות א.א.וו., וואָס האָבען פערלוירען זייערע פּרנסות און זענען אַרויסגעשטויסען געוואָרען פון זייערע אַרבייטס-וואַרשטאַטען, האָבען זיך פעראייניגט אין אַ גרופּע „דעקלאַסירטע" יודען אָדער „אנשי סגולה" („סגולר" איז אַ ראשי-תיבות פון „סוחרים גדולים ונכבדים לפני המלחמה"; גרויסע אָנגעזעהענע סוחרים פון פאַר דער מלחמה); זיי ווילען זיך אָרגאַניזירען און מיט פעראייניגטע אָרגאַניזירטע כּחות ווידער אַמאָל אָנהויבען דעם קאַמף פאַר'ן לעבען; זיי ווילען זיך נישט לאָזען פערפלייצען פון'ם מבּול פון יודישע צרות; אויסגעהונגערטע ווילען די אָרימע מענשען, נעבעך, זוכען אַרבייט, בעשעפטיגונג, פּרנסה, מיט איין וואָרט — אַ שטיקעל ברויט, וואָס פעהלט זיי שטאַרק אויס..

[…] מענטש קאָן היינט וויסען, פאַרוואָס מען האָט איהם פיינט, אָדער ליב

[…]רעסאַנטע פעסטשטעלונגען פון פסיכאָלאָגען

…מען ליב דעם און
…וואָס האָט מען פיינט
…?
…קיינמאָל נישט גע-
…גען ענטפער דערויף.
…פסיכאָלאָגען האָבען
…אָגען אויס'ן געדאַנק,
…דאָ אַ פאַרוואָס. אָט
…אין אַמעריקאַ נישט
…בערנאַרד שאָו'ן, און
…אויך נישט פערליבט
…וואָ ער לעבט און איז
…די פסיכאָלאָגען אויס-
…איז דערפאַר, וואָס
…טון איטליכען אויף
…זאָגט יענעם אַריין,
…געקהערט ווי אַנדער-
…מעט אַלע ענג-
…קען בערד, טראָגט ער
…טעס; אין צייט, ווען
…אין אַמעריקאַ איז
…סאָוויעטען-פערבאַנד,
…מיט שבחים פאַר די
…זיך מיט די אַמערי-

ווען מ'זאָל פּרובירען אַריינטראַכטען אין היסטאָרישע פאַקטען, וועט מען זעהן, אַז איבער פּערזענליכער פיינטשאַפט צווישען צוויי הערשער זענען פאָרגעקומען די שוידערליכסטע מלחמות — מענשען האָבען זיך אויסגעשאָכטען איינס דאָס אַנדערע נאָר דערפאַר, וואָס די פּאָליטיק פון איין לאַנד איז געפיהרט געוואָרען פון אַ מענשען, וועלכער איז גראָד געווען פערהאַסט אינ'ם אַנדערען לאַנד.

אָבער פאַרוואָס איז אָט דער דיפּלאָמאַט געווען פערהאַסט?

די וועלט ווייסט, אַז דער רוסישער צאַר איז געווען אין דייטשלאַנד באַלד נאָכדעם ווי עקס-קייזער ווילהעלם האָט געהאַט פערנומען דעם טראָן. ווילהעלם איז דעמאָלט נאָך געווען יונג און נישט ערפאַהרען אויף צו דרעהען מיט דער צונג אַזוי, אַז דער צאַר זאָל איהם נישט פיינט קריגען. האָט ער טאַקע גערעדט אויף אַזאַ לשון און מיט אַזוי פיל גדלות, אַז דער צאַר האָט מער פון איהם נישט געוואָלט הערען.

אין ווען אַ געווענליכער מענש דערוויסט זיך, אַז מענשען האָבען איהם פיינט, קאָן ער, לויט דער בעהויפּטונג פון די היינטיגע פסיכאָלאָגען, זעהר גרינג אויסגעפינען די אורזאַך. מ'דאַרף גאָר צו דעם נישט זיין קיין גרויסער למדן. אָט ברענגען מיר דאָ פונקטען פון דעם צעטעל, וואָס די פסיכאָלאָגען רעכענען אויס. אויב איהר בעזיצט די מעלות, וואָס זענען אין די פונקטען אויסגערעכענט, מעגט איהר זיין זיכער, אַז די וועלט וועט זיין פערליבט אין אייך איבער די אויערען; אויב איהר בעזיצט נאָר אַ העלפט פון די מעלות, וועט מען אייך ווייניגער ליב האָבען; טאָמער אָבער בעזיצט איהר ווייניגער פון אַ העלפט מעלות, וועט מען אייך פיינט האָבען.

טאָ קוקט-זשע זיך אַרום און ענטפערט זיך אַליין: - צי קאָנט איהר שטענדיג גאַראַנטירען פאַר דעם, וואָס איהר זאָגט, און צי קאָנט איהר זיכער זיין אין דעם, וואָס איהר ווילט; צי געהט איהר שטענדיג אַרויס פון דער היים מיט אַ פרעהליך פּנים, ווען איהר לאָזט זיך געהן צמיצען הצלפען צו איהר זאָגט עפּעס, איז דאָס ריינער אמת, אָדער איהר האָט ליב מגזם צו זיין; זענט איהר נישט אַמאָל סאַרקאַסטיש, בייסיג, ווען איהר רעדט מיט אימיצען? בעריהמט איהר זיך נישט מיט אייער קענטניש?

האָט איהר אפשר די טבע צו וועלען יענעמ'ס מאַכען בעסער און לייטישער? האָט איהר אפשר ליב אַרומצוניאַנטשען זיך מיט אייערע צרות און איטליכען זיי דערצעהלען? האָט איהר אַ פרעהליכע נאַטור, אָדער נישט? רעדט איהר אַרויס די ווערטער, וואָס איהר נוצט אין אייער שמועס, קאָרעקט אָדער מיט גרייזען? האָט איהר אַ טבע צו פערדעכטיגען יענעם? מיידט איהר אויס באָרגען און צו לייהען ביי יענעם? מיידט איהר אויס צו זאָגען מענשען מוסר? ווילט איהר, אַז איטליכער זאָל דוקא טון דאָס, וואָס איהר גלויבט, אַז עס איז גוט? לאַכט איהר צו הויך? מאַכט איהר חוזק פון יענעם אין און הינטער די אויגען?

רעכענט פּאַמעליך אויס די אַלע פראַגען. אויב איהר בעזיצט 64 פון די מעלות, מעגט איהר זיכער זיין, אַז איטליכער וועט אייך ליב האָבען. טאָמער נאָר דרייסיג, וועט מען אייך פיינט האָבען, און טאָמער נאָך ווייניגער ווי 30, איז אַ גאַנ'ס'ער חמנות אויף אייך; מענשען וועלען אייך נישט קאָנען אָנקוקען. צום ווינציגסטען דאַרפט איהר בעזיצען צוועלף פון די מעלות, אַז מענשען זאָלען קאָנען מיט אייך פערברענגען כאָטש אַ קליין שטיקעל צייט.

[לאָ]דזשער טאַגעבלאַט

„Lodzer Tageblatt", Łódź, Piotrkowska 16 Skz. poczt…

[טע]לעפאָנען: רעדאַקציע 100-57, אַדמיניסטראַציע 100-47

דער רעדאַקטאָר נעמט-אָן פון 6 ביז 7 אין אָוונד

[ני]ט בעשטעלטע מאַנוסקריפּטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

[די] פּאָליטישע לאַגע.

…אַנוואַרפען די רעפּאַראַציע-צאָהלונגען, וועט דייטשלאַנד …ן אַ רעוויזיע פון די גרעניצען. - דערווייל האָבען די …ען געוואונען, אָבער, זיי שפּילען מיט פאַלשע קאַרטען. - די דימיסיע פון לאַוואַל'ס קאַבינעט.

…ע פּרעסע פערנעמט זיך נאָך
…ר לעצטער דעקלאַראַציע פון
…ה די רעפּאַראַציע-צאָהלונג-

…ווצראַוואַני קוריער" זאָגט,
…ר האָט זיך געשטעלט פאָל-
…צו רעוואָנרירען די שלום-

…פון די רעפּאַראַציעס.
…ען די בעשליסען, וואָס בע-
…דייטשע בעוואָפענונגען.
…אומקעהרען דייטשלאַנד די

…אַרישע רעוויזיע און אַוודאָ-
…דער ערשטער דורה אָפּנעמען
…מאָזשע און אויבער-שלע-

…ונג פון ברינינג'ן איז אַלזא
…חלה, נאָר וועלכער ס'קאָנען
…מערדיגע שריט. און טאַקי
…די צייטונג, אַז „ברינינג'ס
…איז געווען אַנ'ערנסטער
…אַל פאַר דער גאַנצער
…ווטערדיגע פּאָזיטיווע צוקו-
…גלייכגולטיגע פערהאַלטען
…ישע פערבּאַפּערישע שטרע-
…ן דעם שלום און אייראָפּא
…גע-צוויבען."
…ער פּאַראַגוי" שרייבט:
…פון ברינינג'ן קאָן אפשר
…ר אַ נאָך גרעסער משוגעת
…אַז ער זאָל הינטער פּאַריז
…: פראַנצויזען אַ מאַנעג-

…אַ" בעהאַנדעלט אַ בוכעל
…נ'ס ערקלערונג:
שוין לאַנג געענדיגט —
…מטונג — שטרעזעמאַנ'ס
…ראָס. ער האָט, אויפרו-
…ויפיל נעקאָסט, ווייל בע-
…מיליאַרד מאַרק פאַר דע-
…בען די דייטשען זיך גע-
…לאַנד 26 מיליאַרד מאַרק.
… פון „בעפּרייאונגס-פראַג-
…אָנגעהויבען אונטער'ן צוזי-
…נגע וואוקס פון די עקס-
…ציאָנאַליסטישע גרופּען.
…געגען דער אינטענג'ן פון
… וועט זיין דעקלאַראַציע,
…די פריהערדיגע אַרויס-
…די מאַסגעבענדע דייטשע
…לאַגען זיך און פאַרצע-
… פון דער קאָנפערענץ,
…וב פאָרקומען אין לאָזאַן.
… פון דער דאָזיגער קאָנ-
…וין פאָרקומען איז וועט
…יגע בעדינגונגען.
…לינגען אונטער אויפ'ן טיש.
…לאַנד, אַמעריקאַ און
…ען זיך בעטייליגט אין
…'קאָן מיט דער גאַנצער
… אַז די פּאַרטיע איז פאַר
…שפּילט. די אויסערליכע
…הויפּטזעכליך האָט פער-

שפּילט אַמעריקאַ, אַ חוץ בּוסעל, באָטש ווייניגער — פראַנקרייך, עפּיס — ענגלאַנד; געוואונען האָבען די דייטשען. יאָ. אין חשבון אויף דאָלאַרען, אויף גאָלד — יאָ. אָבער ס'איז פאַרהאַן אַן אונטערשייד צווישען אַנ'עהרליך שפּיל און שאַנטאַזש. די דייטשען האָבען מיט זייער ערקלערונג אויפגעהערט צו שפּילען די ראָל פון אַ קרבּן. און דאָס איז זייער גרויסער פערלוסט.

פאַר דער אויסערליכער וועלט הייסט דער געוואונער דער, וועלכער זאָגט הוצפּהדיג — „ב'צאָהל נישט". אָבער די גרויסע פּאַרטיי פון דער געשיכטע ענדיגט זיך קיינמאָל נישט „היינט". די איינינגע — און אַנדערע — פּאַרטנערען וועלען מיט יעדען „מאָרגען" ווידער זיך זעצען צום אונפערמיידליכען שפּיל.

„און פאַקטיש: שוין צום צווייטען מאָל וועט זיך די דייטשען נישט איינגעבען אַזוי לאַנג צו שפּילען מיט פאַלשע קאַרטען."

* * *

דער קראָקאווער „איל. קור. צאַדז." שטעלט זיך אָפּ אויף דער דימיסיע פון לאַוואַל'ס קאַבינעט:

„סון רעגירונגס-קריזיס און פאַלען זיין פון ראַזינגען וואָרט אין און פראַנקרייך גוטסאַ. ס'זענען נישט פאָרגעקומען אין קאַבינעט קיין שום חלוקי-דעות און ס'זענען נישט פאָרגעקומען וועלכע ס'איז אַנבערגריפונגען אין די פּאַרטייען, וואָס שטיצען די רעגירונג. ס'קומט נאָר פאַר אַ רעקאָמפּלעטירונג פון קאַבינעט צוליב'ן טויט פון קריגס-מיניסטער מאַגינאָט און צוליב בריאַנ'ס ווילען צו דימיסיאָנירען צוליב זיין קראַנקהייט".

אַ חוץ דעם, וואָס די בירגע מיניסטאָרען האָבען רעפּרעזענטירט געוויסע גרופּען, וועלכע האָבען צוליב זיי געשטיצט לאַוואַל'ס קאַבינעט, איז אויך וויכטיג די פּערזאָן פון בריאַנ'ען גופא. „בריאַן איז זיך אַזוי צוזויפגעוואַקסען מיט'ן פעלקער-בונד, אַז זיין אָפּטרעטען וועט בלי ספק שאַדען דעם אויטאָריטעט פון דער אינסטיטוציע.

פון פאַנד פון בריאַנ'ס אויטאָריטעט איז געדעקט געוואָרען דער בסדר-וואַקסענדער רעפּוצאַט פון אויטאָריטעט פון פעלקער-בונד.

נישט קוקענדיג אָבער אויף אַלע שוועריגקייטען וועט זיכער לאַוואַל לעבט זיך אַנ'עצה געבען, ווייל ס'איז היינט נישטאָ קיינער אין פראַנצויזישען פּאַרלאַמענט, וואָס זאָל וועלען אויסנוצען די שוועריגקייט, כּדי אומצוּוואַרפען לאַוואַל'ן.

אויך די דייטשע דעקלאַראַציע וועגען די רעפּאַראַציע-צאָהלונגען וועט גורם זיין, אַז לאַוואַל זאָל לייכטער קאָמפּלעטירען זיין קאַבינעט. בריאַנ'ס ערקלערונג וועט אָבער צווינגען אַ סך פּאַרטייען צו ענדערען לחלוטין זייער וואַהל-פּלאַטפאָרם, וואָס זיי האָבען פריהער געהאַט צוגעגרייט.

ל'אדז
.13 יאַנואַר 1932
זון אויפֿגאַנג 7. 45
זון אונטערגאַנג 3. 27
ה'
שבט תרצ"ב
פ' בא

טאָג-כראָניק

טראַמווײַ-אַרבײַטער בײַם שטאָט-פּרעזידענט

(§) א דעלעגאַציע פֿון די טראַמווײַ-אַרבײַטער האָט זיך געבעטן געווענדעט צום שטאָט-פּרעזידענט זשעמיענצקי און געבעטן צו אינטערווענירן אין קאָנפֿליקט מיט דער דירעקציע פֿון די טראַמווײַען, ווײַל אויב די דירעקציע וועט נישט אײַנגעהן אויף הנחות, וועלען די אַרבײַטער זײַן געצוואונגען צו פֿאַרשטרײַקן.

פּרעזידענט זשעמיענצקי האָט דער דעלעגאַציע צוגעזאָגט, אַז ער וועט רופֿן די טראַמווײַ-דירעקציע אויף אַ קאָנפֿערענץ.

מאָרגן וועט אויך פֿאָרקומען אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די אַרבײַטער אויף אַנצונעמען אַ געהעריגע שטעלונג.

נאַכט-דיזשורען אין די אַפּטייקען

הײַנט דיזשורירן פֿאָלגענדע אַפּטייקן: א. פּאַטאַש, פּלאַץ קאָשטשעלני 10, א. בּאַרעמוז, באַלאַרסקאַ 12, ע. מילער, פּעטריקאָווער 46, ס. עפּשטיין, פּעטריקאָווער 225, ז. גאַרשיצקי, פּושעיאַזד 56, נ. אַנטאָניעוויטש, פּאַביאַניצער שאָסע 50.

קאָנפֿערענץ אין דער האַנדווערקער-קאַמער וועגן מעכאַניזירונג פֿון די בעקערײַען

דעלעגאַציע פֿון בעקער צער מיט אַ מעמאָריאַל אין דער וואָיעוואָדזטווע

(—) געבליבן איז אין דער האַנדווערקער-קאַמער אונטער'ן פֿאָרזיץ פֿון ראַטמאַן יאַרמוזאַק פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון פֿאַרשטעטער פֿון דער האַנדווערקער-קאַמער מיט פֿאַרשטײַער פֿון יידישע און קריסטלעכע בעקער-צעך, אויף וועלכער עס איז אַרומגערעדט געוואָרן די פֿראַגע בנוגע מעכאַניזאַציע פֿון די בעקערײַען.

פֿון יידישן בעקער-צעך זענען אָנוועזנד געווען די ה"ה שקלאַרש, בראַונער און קליין, פֿון קאָנדיטאָר-צעך — זעלמאַנאָוויטש, פֿון קריסטלעכן בעקער-צעך גראַלינסקי. אויסער דעם האָט זיך אויך באַטייליקט דער יורי-קאָנסול פֿון יידישן בעקער-צעך ד"ר קאָרנבלוט.

ד"ר קאַצענבאָגען האָט רעפֿערירט איבער דער פֿראַגע און באַוויזן מיט אַ ריזה ציפֿערן, אַז די לאָדזשער וואָיעוואָדזטוואָ האָט די גרעסטע צאָל פֿאַרזיגלטע בעקערײַען און געקומען צום אויספֿיר, אַז די האַנדווערקער-קאַמער צוזאַמען מיט די בעקער-צעכן מוזן אָנפֿירן אַ ברייטע אַקציע מיט'ן צוועק צו ערצילן אַז די מעכאַניזאַציע-גזירה זאָל בטל ווערן.

נאָכדעם האָבן גערעדט די ה"ה זעלמאַנאָוויטש, בראַונער, גראַלינסקי און אַנדערע, וועלכע האָבן אָנגעוויזן אויף דעם טרויעריקן מצב פֿון די בעקערס, בײַ וועלכע מ'האָט צוגענומען דעם לעצטן ביסן פֿון מויל.

ד"ר קאָרנבלוט באַגרינדעט די יורידישע זײַט פֿון נעזעץ. ער ערקלערט, אַז עס זענען דאָ צוויי בערלײַ צוגעמאַכטע בעקערײַען. דער רעדנער האַלט, אַז די מאַנוטאַרע באַגרענונגען דאַרפֿן אָפּגעהויבן ווערן אין די בעקערײַען. עס איז אָבער אויסגעשלאָסן איינצופֿירן רעקאָנסטרוקטיווע אײַנריכטונגען. צום סוף ווערט אָנגענומען צו שיקן אַ דעלעגאַציע פֿון די בעקער-צעכן צו דער וואָיעוואָדזטוואָ מיט אַ'ענטשפּרעכנדן מעמאָריאַל, אין וועלכן עס זאָל אָנגעוויזן ווערן אויף דער סכנה פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון די בעקערײַען מצד דער מעכאַניזאַציע-פֿאַראָרדנונג.

שרפֿה אין זילבערבערג'ס פֿאַבריק

(א) געבליבן איז אין זילבערבערג'ס פֿאַבריק (שענקעוויטשאַ 74) אויסגעבראָכן אַ שרפֿה. דאָס פֿײַער איז ענטשטאַנען אין דער טרוקן-אָפּטיילונג, דראָהענדיג אַרומצוכאַפּן די אַנדערע אָפּטיילונגען. די אַרויסגערופֿענע פֿײַערלעשער האָבן נאָך אַן'ענערגישער אַקציע דאָס פֿײַער לאָקאַליזירט. דער שאָדן איז אומבאַדײַטנד. די שרפֿה איז ענטשטאַנען פֿון אַ קורץ-שלוס.

דאָס געהיימניש פֿון דער טאָמאַשאָווער טראַגעדיע

וואָס האָט דער זעלבסטמערדער פֿאַבריקאַנט באַרנשטיין געשריבן צו דער פּאָליציי?

דער טראַגישער טויט פֿון באַקאַנטן אינדוסטריעלער א. באַרנשטיין האָט אין לאָדז געמאַכט אַ גרויסן רושם. אין די קרײַזן פֿון די גרויס-אינדוסטריעלער און סוחרים ווערט דער זעלבסטמאָרד פֿער-שידענאַרטיג קאָמענטירט.

ווי מיר האָבן געמעלדן שוין געמאָלדן האָט דער זעלבסטמערדער איבערגעלאָזן אַ בריוו. הײַנט איז אונז געלונגען צו באַקומען דעם טעקסט פֿון דאָזיגן בריוו צו דער פּאָליציי.

אין דאָזיגן בריוו האָט באַרנשטיין געשריבן:

„איך בעגעה זעלבסטמאָרד. שולדיג אין מײַן טויט זענען לאַנדספֿרוי און מאַן"...

די דאָזיגע קורצע שורות זענען אַ גאַנץ געהילט אין אַ שלייער פֿון געהיימניש, וואָס דאַרף ערשט אויפֿגעקלערט ווערן דורך דער אויספֿאָרשונג. איינס איז אָבער אונדז שוין קלאָר, אַז אַ דירעקטע סיבה צום פֿערצווייפֿלטן שריט איז געווען דער אַרעסט און צוזאַמענהאַנג מיט גע-טער'ס באַנקראָט.

די ווײַטערדיגע אויספֿאָרשונג וועט באַלויכטן די אומשטענדן פֿון דער דאָזיגער טראַגעדיע.

זעלבסטמאָרד

(§) אין זײַן וואוינונג אויף פּולקאָדסקי 37 האָט געבליבן געפּרובט באַגיין זעלבסטמאָרד דורך איבערשנײַדן זיך די אָדערן פֿון די הענט דער 46-יעריגער מאַלענטי קאַליזשנו. די סיבה איז — נויט.

דער יודישער טעאַטער פֿילהאַרמאָניע
דירעק. א. בעזמאָ און ד. צעלמייסטער

דאָפּעלטער ספּעקטאַקל | פֿרייטאָג אויף דער נאַכט... ווען יעדער יוד איז אַ מלך... פֿרייטאָג, ד. 15-טען ד. ח. | דאָפּעלטע פֿאָרשטעלונג

נור 1 מאָל אַזאַ גראַנדיעזע פּרעמיערע-אָוונט!

צום 50-טען מאָל דער גרעסטער רעקאָרד שלאַגער די פּיעסע פֿון וועלכע גאַנץ לאָדז רעדט

אַהאַרץ וואָס בענקט

אין 3 גרויסע אַקטן פֿון יודישן לעבן מיט געזאַנג און טענץ.

ריירנד! שפּאַנענד! אַנציהענד! אַמוזירנד! סענסאַציאָנעל!
ענטציקונג! בעגײַסטערנד!

קאָלאָסאַלער ערפֿאָלג! ≡ קאָלאָסאַלער ערפֿאָלג!

נאָך די פֿאָרשטעלונג אַ קראַנץ פֿון שענסטע און בעסטע!
100 לאַך אין אַ מינוט איז גאַראַנטירט!

דער חזן מיט די חזנ'טע קריינדיל || משה'לע יודישע אַנטיקע

די יונגע סובּרעטע דאָס 8-יעריגע וואונדער-קינד לאַלאַ אַמזעל אין איהר הויפּט-ראָלע

ס'נעמען אָנטייל די בעליבטע אַרטיסטן פֿון פֿילהאַרמאָניע און קאַמעראַל-טעאַטער

4 יאָר שווערע תּפֿיסה פֿאַר פֿאַבריצירן פֿאַלש געלד

(§) אין דער וואוינונג פֿון זאָפֿיאַ אַנ-דזשעיאַק האָט מען בשעתו געפֿונען אַ גרויסע צאָל פֿאַלשע מטבעות און פֿע-רעם אויסצואַרבעטן די מטבעות.

אין שײַכות דערמיט איז פֿאַרהאַלטן געוואָרן דער הויפּט-פֿאַבריקאַנט, דער 37-יעהריגער פֿראַנטישעק פּאַבּינסקי, זײַן זוהן, דער 17-יעהריגער סטאַניסלאַוו און די 32-יעהריגע זאָפֿיאַ אַנדזשעיאַק.

אין געריכט האָט פּאַביאַנסקי גענומען אויף זיך די גאַנצע שולד, ערקלערנדיג, אַז דער זוהן און זײַן קאַלעזשאַנקע האָבן דערפֿון נישט געוואוסט.

דאָס געריכט האָט פֿאַר'משפּט פּאַביאַנסקי'ן אויף 4 יאָהר שווערע טורמע און צו פֿערלירן די רעכט. דער זוהן מיט דער קאַלעזשאַנקע זענען בעפֿרייט געוואָרן.

צוגע'גנב'עט אַ מאַשין אויף וועלכער עס איז געווען אַ ליציטאַציע

אינטערעסאַנטער שטײַער פּראָצעס אין קרייז-געריכט

דער שטײַער-אַמט האָט פּאַראַיאָרן צוגענומען בײַ דער פֿירמע „פּאָלסקי נאַ-בעלין" אויף אַננאַ גאַס 9, אַ שרײַב-מאַשין און גאַרן פֿאַר פֿערלעגענע שטײַערן. שפּעטער האָט די פֿירמע די זאַכן צו-ריקבעקומען און די פֿערלעגענע שטײַערן זענען אויך פֿוגאַנדערגעלייגט געוואָרן אויף ראַטעס.

היות די פֿירמע האָט די ראַטעס נישט געצאָהלט, איז דער סעקוועסטראַטאָר ווידעראַמאָל געקומען מאַכן אַ ליציטאַ-ציע פֿון די חפֿצים. ער האָט אָבער מעהר די שרײַב-מאַשין נישט געפֿינען און אויך נישט דעם גאַרן.

דער אײַגנטימער פֿון דער פֿירמע שמואל הערצוואָלף איז אָנגעקלאָגט גע-וואָרן און געריכט און פֿאַר'משפּט גע-וואָרן אויף 3 חדשים תּפֿיסה. הערצוואָלף האָט אָנגעגעבן אַן אַפּעלאַציע, בעווײַ-זענדיג, אַז די מאַשין האָט מען בײַ איהם צוגע'גנב'עט און דעם גאַרן האָט ער אויס-געאַרבעט אויף סחורה, נישט ווי סענדיג דערפֿון, אַז מען וועט בײַ איהם נאָכאַמאָל מאַכן אַ ליציטאַציע. דאָס אַפּעלאַציע-גע-ריכט האָט הערצוואָלף'ן בעפֿרייט.

דער סכסוך מיט בעקער-אַרבײַטער אין פּאַביאַניץ דויערט

(§) ווי מיר האָבן שוין מיטגעטיילט, איז אויך געבליבן געווען בעשטימט אַ קאָנ-פֿערענץ פֿון די בעקער-אײַגנטימער מיט די אַרבײַטער אין פּאַביאַניץ. היות די בעקער-מײַסטער האָבן געבעטן אָפּצו-לייגן די קאָנפֿערענץ ביז מאָנטאָג, ווײַל זיי מוזן אָננעמען אַ בעשלוס, איז די קאָנפֿערענץ אָפּגעלייגט געוואָרן.

אופּאַדלאַשטש פֿון י. ה. קונסקי

(5) עהרנעבליבן איז ערקלערט געוואָ-רען אַן'אופּאַדלאַשטש דעם סוחר ישראל הערש קאָנסקי, וואָס האָט אויף סקווע-ראָווע גאַס 18 אַ געשעפֿט פֿון קעלניש וואַסער. אַלס קוראַטאָר איז בעשטימט געוואָרן אַדוו. סלאָמנוצקי, אַלס ריכטער קאָמיסאַר אוזשוצקי. דער געפֿאַלענער סוחר איז געשטעלט געוואָרן אונטער פּאָליציײַאישער אויפֿזיכט.

* * *

אויף דער זעלבער זיצונג פֿון געריכט איז אויך בעשטעטיגט געוואָרן די אופּאַדלאַשטש פֿון אברהם מינץ, מאַנופֿאַקטור-סוחר פֿון פּעטריקאָווער 33. אין דער אופּאַדלאַשטש איז צוויי מאָל בעשטימט געוואָרן אַ טערמין אויף פֿעסטצושטעלן דעם מצב פֿון די חובות. היות דער געפֿאַלענער סוחר האָט נישט געהאַט אויף צוווײַזן קיין שום אַקטיוון, איז קיינער פֿון די קרעדיטאָרן נישט געקומען אויף די פֿערזאַמלונגען. צוזיב דער ריכטער-קאָמיסאַר זיך געווענדט מיט דער בימע ... די אופּאַדלאַשטש-פּראָצעדור, רוכט האָט די בימע ערפֿולט.

* * *

אין דער אופּאַדלאַשטש פֿון קאָפּאַנסקא האָט דאָס געריכט ... אַלס קוראַטאָר אויפֿ'ן אָרט פֿון ... לוקס דעם אַדוו. יאַסמזשעמבסקי ...

* * *

אין דער אופּאַדלאַשטש פֿון שפּיעוואַק און שותּפֿים און ... שפּיעוואַק און שותּפֿים האָט ... ערלויבט דעם סינדיק צו ... פֿאַבריקס-בנינים פֿון דער ... געפֿינען זיך אויף פּעטריקאָווער 254, אויף אַ משך פֿון 2 ...

* * *

אין דער אופּאַדלאַשטש ... מע ה. לומאַן און י. מ. ... פֿערקויף פֿון טריקאָטאַזש-... גען אויף אַנדראַזשאַ 9 האָט ... בעשטימט מטצום צוויטען ... פֿון צוויי וואָכן אויף ... חובות. די קרעדיטאָרן ... דאָזיגן טערמין נישט ... תּביעות, וועלען דאָס ... דין פֿון אַפּעלאַציע-געריכט ... קאָנען טון.

מי במים...

העלפֿט די גוליטענע פֿון דער פֿערפֿלייצונג אין דיסנע!

דער פֿאָרזיצער פֿון דיסנער יודישער קהלה און פֿון דער דיסנער יודישער קאָאָפּעראַטיווער פֿאָלקס-באַנק, הרה"ג שמרי'ז זלמן יפֿה ווענדעט זיך צו דער גאַנצער לאָדזשער יודישער בעפֿעלקערונג וועגן דרינגענדער הילף פֿאַר די די פּנ ער אונגליקליכע יודען, וועלכע זע-נען דורך דער שרעקליכע קאַטאַסטראָ-פֿע פֿון וואַסער פֿערפֿלייצונג פֿאַריגען זומער אינגאַנצן רואינירט געוואָרן. ביז 400 יודישע פֿאַמיליעס מיט זייערע הייזער, אײַנריכטונגען, בגדים וחפֿצים. אַלץ איז געוואָרן צו שווימען מיט'ן שטראָם וואַסער פֿון דער „דווינאַ", 5 בתי-מדרשים מיט אַלע כּלי הקודש, בימה'ס, אָרון הקודש, ספֿרים, יריעות א. ד. ג. אַלץ צווייקט און פֿערניכטעט. דער איינציגער אין שטאָט קהלה'שער מרחץ שטעהט אינגאַנצן חרוב. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס די רעגירונג האָט סובּסידירט 5000 גילדען אויף אַ רעמאָנט, קען מען דאָס געלד נישט בעקומען, ווײַל דאָס געלד ליגט בײַם סטאַראָסטוואָ, בתנאי אַז די יודישע קהלה זאָל אויך שאַפֿן אַזאַ סומע.

די ת"ת און יודישע פֿאָלקס-שולען אין וועלכע ס'לערנען זיך 500 אָרימע יודישע קינדער, אויך דער גמילות-חסד, וועלכער צעהלט איבער 800 מיטגלי-דער, זענען פֿערמאַכט מחמת מאַנגעל אין געלד און די גאַנצע שטאָט זעהט אויס ווי נאָך אַ בעלאַגערונג.

דערום ווענדעט ער זיך צו דער לאָדזשער קהלה און צו אַלע יודישע בתּי צדקה וחסד-אָרגאַניזאַציעס, יחידי סגולה אנשי מעשה נדיבי לב, גבאים בהמ"ד, יעדער זאָל מיט וואָס ער קאָן און וויפֿיל ער קען שטיצן לטובת דער אומגליקליכער יודישער בעפֿעלקערונג אין דיסנע. יעדע נתינה און יעדער נותן, אויך המעשה והעושה וועט געדרוקט ווערן אין דיטאיגע בלעטער און וועט פֿערציינט ווערן אין דיסנער יודישער קהלה'ס זכרון ספֿר בצד גמולם הטוב.

העגגט זיך אויף ... צוליב נויט

(§) אין זײַן וואוינונג האָט זיך געהאַנגען ... אויפֿגעהאַנגען דער ... ניסמאַן בראַיער, 52 יאָהר אַלט.

יודישען יונגנמאַן בעפֿאַלען אין גאַס

(§) געבליבן זענען אונבאַקאַנטע ... נאַנגען בעפֿאַלען אויף טשוואַראַוואַ ... דעם 21-יעהריגען יעקב קורשקאָוויץ (טכוואַראַוואַ 2) און מיט עטמעסער אויהם געמאַכט אײַניגע וואונדען קאָפּ. די נױטע הילף האָט ... פֿערווונדעטן אָפּגעפֿיהרט אין שפּיטאָל.

פֿינף וואָכן מיט לעאָן טראָצקי

אַ יונגער יודישער טראָצקי-אַנהענגער דערצעהלט, ווי אזוי טראָצקי לעבט. — יעדער אין הויז געהט בעוואָפֿענט. — זײַנער אַ זוהן לעבט אין רוסלאַנד אויסער פּאָליטיק. — זײַנע שוינדזיכטיגע טאָכטער געפֿינט זיך אין אַ בערלינער סאַנאַטאָריום.

I

מ. גלאַצער, אַ יונגער אַנהענגער פֿון דער לינקער קאָמוניסטישער אָפּאָזיציע (טראָצקיסטען), האָט זיך נישט לאַנג צו-ריק אומגעקעהרט פֿון אַ רייזע איבער טערקיי, דאָרט האָט ער אויך עזוכט דעם הויפּט-פֿיהרער פֿון דער לינקער אָפּאָזיציע ל. ד. טראָצקי, וואָס איז פֿאַר זײַנע אַנ-דערע אין איבערצײַגונגען פֿערטריבען גע-וואָרן קיין טערקיי. גלאַצער האָט פֿער-בראַכט פֿינף וואָכן אין טראָצקי'ס הויז און אין אַ געשפּרעך, וואָס ער האָט גע-האַט מיט דעם שרײַבער פֿון די שו-רות, האָט ער איבערגעגעבן זײַנע אײַנ-דרוקען, דאָס, וואָס ער האָט געזעהן און געהערט. אין גלאַצער'ס דערצעהלונג זע-נען דאָ אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכען, וואָס דער ברייטער עולם ווייסט זעהר ווייניג, אָדער גאָרנישט וועגען זיי.

איך וויל דאָ איבערגעבען, וואָס גלאַ-צער האָט מיר דערצעהלט, אויף וויפֿיל מעגליך מיט זײַנע אייגענע רעווערטער.

טראָצקי וואוינט איצט אין קאַרוקאָי, נישט ווייט פֿון מאַרמאָר-ים, אין אַ שטעטעל, וואו די הויפּט-בעפֿעלקערונג בעשטעהט פֿון ענגלענדער און אַמעריקאַ-נער. אהין האָט זיך טראָצקי איבערגע-צויגען נאָך דער שרפֿה, וואָס האָט אַ טיל פֿאַרניכטעט פֿון זײַן דירה אויפֿ'ן אינזעל פּרינקיפּאָ. אין דעם הויז האָבן די אַמ-מאָספֿער פֿון אַרבײַט. טראָצקי אַליין און פֿערנומען פֿון אונטערפֿריה ביז שפּעט בײַנאַכט. קודם כּל אַרבײַט ער אויף די פֿערענדיגונג פֿון זײַן צווייטען באַנד „די געשיכטע פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע". דאָס פֿערשלינגט אַ סך פֿון זײַן צײַט. דאָס בוך דרוקט זיך שוין איצט. חוץ דעם איז טראָצקי שטענדיג פֿערנומען מיט שרײַבען אַרטיקלען און גרעסערע אָפּ-האַנדלונגען וועגן דער אינטערנאַציאָנאַ-לער אַרבײַטער-לאַגע. די שפּאַנישע רע-וואָלוציע, דער שרעקליכע וווּקס פֿון דעם פֿאַשיזם אין דײַטשלאַנד — אויף אַלעם רופֿט ער זיך אָפּ, און דעם אַלעם העלפֿט ער אויסאַרבײַטן די טאַקטיק פֿון דער לינקער אָפּאָזיציע, וואָס האָט אָרגאַניזאַציעס און כמעט אַלעו ולטינע לענדער.

ווי טראָצקי אַרבײַט — אזוי אַרבײַ-טען אַלע אַנדערע מיטגלידער פֿון זײַן הויז. עס איז פֿערנומען זײַן סעקרעטאַר, עס זענען בעשעפֿטיגט זײַנע געהילפֿען. עס אַרבײַט זײַן פֿרוי און זײַן זוהן. דער לעצטער פֿיהרט אָן דעם פֿאָטער'ס בע-ציהונגען מיט דער אויסערליכער וועלט, געפֿינט זיך אָפֿט אין בערלין, וואו צווישען צוגרייטען דעם פֿאָטער אַ ניי בוך און אַ צווייטען. שמירדט ער אויך. טראָצקי'ס צווייטער זוהן איז אין אַן סאָוויעטען-פֿער-באַנד. ער שטעהט אויסער דער פּאַרטיי, אויסער יעדער פּאָליטיק, און בעשעפֿ-טיגט בײַ טעכנישער אַרבײַט, וואָלט ער זיך פֿערנומען מיט פּאָליטיק אַלס דעם פֿאָטער'ס אַנהענגער, וואָלט ער אָדער אָרגאַניזירט געקאָנט זײַן אין סאָוויעטען-פֿערבאַנד, אָדער ער וואָלט געזעסען אַרעסטירט, ווי עס זענען אַרעסטירט טראָצקיס צוויי איידעמס פֿאַר נעהערען צו דער אָפּאָזיציע.

טראָצקי האָט געהאַט צוויי טעכטער. אײַנע נינאַ איז געשטאָרבען פֿון שווינד-זוכט אין דער אייגענער צײַט, ווען איהר פֿאָטער איז פֿערשיקט געוואָרן קיין אַל-מאַ-אַטאַ אין צענטראַל-אַזיע. די צווייטע לעבען-געבליבענע טאָכטער איז אויך קראַנק און זי געפֿינט זיך איצט אין בערלין.

טראָצקי'ס געזונט איז אויך נישט גוט. ער לײַדט פֿון צוויי חולאת'ן — כראָני-שע מאָגען-געשווירען און מאַלאַריע. צו-ליב דער מאַלאַריע האָט ער אַ שטענדיגע נעהעכערטע טעמפּעראַטור. בײַדע קראַנק-הייטען פֿאָדערן, פֿון טראָצקי'ן ער זאָל זיך האַלטען אויף אַ שטרענגער דיעטע און בסדר אָבטונג געבען אויף זיך. אָבער אין דעם פֿאַל פֿון דער מאַלאַריע שטערט איהם זעהר דער קלימאַט פֿון דער גע-גענט, וואו ער איז געצוואונגען צו לעבען. די שטאַרקע היצען זומער און די אָפֿטע, שווערע רעגענס און ווינטער בעשווערען די קראַנקהייט. לאַטש פֿון צײַט צו צײַט קרינט טראָצקי שאַרפֿע אַטאַקעס פֿון זײַנע קראַנקהייטען און זײַן אַרבײַט ווערט דורך דעם הויפּט פּאַראַליזירט, מאַכט ער אָבער אזוי אַ דורכאויס געזונטען, יונגען אײַנדרוק, זעהט אויס פֿרישער און פֿלינ-קער, ווי זײַנע 52 יאָהר און זײַן שטור-מישע קאַריערע וואָלטען געגעבען אַנ'-אורזאַך צו דערוואַרטען. בלויז צײַטענווײַז זעהט ער אויס פֿערמאַטערט — אַ רעזול-טאַט פֿון זײַן שטענדיגער גײַסטיגער אָנ-געשטרענגטקייט.

זײַן אײַנציגע אָפּרוהונג איז כאַפּען פֿיש. פֿון מאָל צו מאָל לאָזט ער זיך אויך אויף יאַגד און אַ דערבײַאונגען וואַלד. טראָצקי'ס במעט-יונגלישער בדען און ענערגיע זענען דערבײַ אזוי גרויס, אַז בײַ אײַנער אַזאַ יאַגד, וואו גלאַצער האָט זיך אויך בעטייליגט, האָט ער — טראָצקי — מיט זײַן גאַנג, לויפֿען און שיסען אויס-געמאַטערט מענשען, וואָס זענען אַ סך יונגער און געזונטער פֿאַר איהם.

טראָצקי איז אין אַ שטענדיגער לע-בענס-געפֿאַהר — און ער האָט זיך שוין צוגעוואוינט דערצו. ער האָט אַמאָל גע-זאָגט: „דאָס (אַנ'אַטענטאַט אויף איהם) קאָן קומען הײַנט, מאָרגען, איבעראַיאָהר; מאָ וואָס זאָל איך טראַכטען וועגען דעם, אַז אַרבײַט איז דאָ אזוי פֿיל? אַ רעוואָ-לוציאָנער'ס לעבען איז בײַ-ווי-און שטענ-דיגער סכּנה". אַלע אין הויז זענען אָבער שטענדיג בעוואָפֿענט: טראָצקי אַליין, זײַן פֿרוי, זײַן סעקרעטאַר, זײַן זוהן, ווען ער איז אין דער היים, יעדער אײַנער נאָהענטער מענש אָדער חבר, וואָס קומט אויף בעזוך. אויך גלאַצער'ן האָט טראָ-צקי בעוואָפֿענט, ווען ער איז געקומען צו איהם.

פֿון וועמען לויערט תּמיד די סכּנה אויף טראָצקי'ן? קודם כּל פֿון די רוסישע ווײַס-גוואַרדייִשע עמיגראַנטען, וואָס פֿאַר זיי זענען לענין און טראָצקי די צוויי „הויפּט-שולדיגע" פֿון דער אָקטאָ-בער-רעוואָלוציע. אָבער דאָס איז נישט די אײַנציגע געפֿאַהר. עס זענען דאָ נאָך אַנדערע, פֿון אַנדערע זײַטען...

אַ חוץ דער אײַגענער שטענדיגער בעוואַכונג ווערט טראָצקי אויך בעוואַכט פֿון ספּעציעלע דעטעקטיוון און שומרים — אַלע מיט געוועהר, פֿאָהרט טראָצקי אויף פֿיש-פֿאַנג, אָדער אויף יאַגד, ווערט ער אַי בעגלייט, אַז בעגעגענט אין די פֿער שידענע פּלעצער דורך בעוואָפֿענטע מענ-שען.

די שרפֿה אין פּרינקיפּאָ איז פֿאַר טראָצקי'ן געווען אַ שרעקליכער פֿער-לוסט. איהם איז געראָטען צו ראַטעווען בלויז צו ראַטעווען זײַן אַרכיוו (זײַנע אַלטע פּאַרטײַ-דאָקומענטען) לענינ'ס בריוו צו איהם און זײַנע אײַגענע מאַנוסקריפּ-טען, פֿערלוירען האָט ער אָבער זײַן גאַנ-צע ביבליאָטעק פֿון איבער 2,000 בי-כער, אַ גאַנצען קאַסטען דורכגעלייענטע, אָנגעצייכענטע און אָפּגעקליפּטע אויס-שניטען (קליפּינגס), וואָס ער האָט צו-נויפֿגענומען אַלס מאַטעריאַל פֿאַר זײַנע אַ גרויס בוך וועגן דער אינטערנאַציאָ-נאַלער סיטואַציע, חוץ דעם זענען אוועק מיט'ן פֿײַער די גאַנצע קליידונג, אַ הויפּט ביסעל פּאַפּיר געלד, וועש און אַ סך אַנ-דערע נויטווענדיגע שטוב-חפֿצים.

ווי ענערגיש, ווי פֿערטיג טראָצקי איז אין זײַן אַרבײַט — אין דעם קאַמף פֿאַר זײַנע אידעען בנוגע דער אינטער-נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע און קאָמוניזם

— בעווײַזט פֿאָלגענדער פֿאַקט אַ טלושער פֿאַל:

ווען דאָס הויז-געזינט האָט זיך טויט'ן לעבען געראַטעוועט פֿון פֿײַער זיך צעטומעלט בעזעצט ... ווען אַלע זענען געווען ... נענומען זאַכען, וואָס ... נאָכ'ן אומגליק, האָט טראָצקי ... שפּרײַט זײַנע פּאַפּירען ... גערופֿען זײַן סעקרעטאַר ... גאָרנישט זיך גענומען ... די אַרבײַט, טיט וועלכער ... דעמאָלט געווען פֿערנומען ...

דער פֿערלוסט פֿון זײַן ... בעזונדערס שווער געפֿאַלן ... צקי'ן. צווישען זיי זענען ... ביכער וועגן אַמעריקאַ ... טראָצקי אינטערעסירט ... און וועגן וועלכער ער ... צושרײַבען אַ גרויסער ... צער דערצעהלט דערבײַ ... טע אײַנצעלהייט. טראָצקי ... זײַן סעקרעטאַר צום ... נאָלען אוניווערזיטעט ... איהם צו דערלויבען ... דער אוניווערזיטעט ... בעממטער האָט געענטפֿערט ... מיט פֿערגעניגען בעפֿרייט ... ביש, לוידער האָט אָבער ... זוטעט נישט קיין ביבליאָ... אַז די נײַע טערקישע ... נאָך אַ סך טון אין ... קולטור.

(דאָס ווײַטערע ...)

היינט קאַרעליצקי'ס פּראָצעס

צום פּראָצעס זענען אַרויסגערופען געוואָרען 32 עדות

דער פּראָצעס האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע פּעראינטערעסירונג אין שטאָט

(§) היינט 9 פריה הויבט זיך אָן אין לאָדזשער קרייז-געריכט דער פּראָצעס גע-גען 20-יעהריגען לייב קאַרעליצקי פון שרודמיעיסקאַ 4, וואָס האָט, ווי בעקאַנט, דעם 4. נאָוועמבער פון פאָריגען יאָהר דערשאָסען אין „ספּאָרט-סאַלאָן" אויף פּעטריקאָווער 90 דעם 25-יעהריגען באַ-לעסלאַוו מילער פון נאַראַבאָווא 23.

די געשיכטע פון מאָרד

איז פאָלגענדע:

קאַרעליצקי און מילער זענען בעידע געווען אַמטע אינגעהער אין דערמאָנטען ספּאָרט-סאַלאָן. קאַרעליצקי, זייענדיג פי-זיש זעהר שטאַרק געבויט, האָט געראַט די איבערהאַנד אין קלוב און גענאָלטען אַלס ראש פון דער חברותא. בלויז איין מילער האָט זיך נישט געבויגען פאַר קאַרעליצ-קי'ס אויטאָריטעט, פערקעהרט ער פלעגט זיך בסדר בינטעווען געגען זיין ממשלה אויף די איבריגע חברים און אויף דעם באָדען פלעגט צווישען זיי בעידע אָפּט קומען צו קריגערייען. לעצטענס זענען די בעציהונגען צווישען קאַרעליצקי'ן און מילער'ן געווען זעהר אָנגעשטרענגטע.

זיין דרימישער מאַג

האָט קאַרעליצקי בעקומען אַ ידיעה פון איינעם פון זיינע פיל חברים, אַז מילער גרייט זיך צו מאַכען אַן אָנפאַל אויף איהם. צוליב דעם האָט קאַרעליצקי זיך פערשאַפט אַ רעוואָלווער, וועלענדיג, ווי ער ערקלערט, פערטיידיגען זיין אייגען לעבען.

אַרום 10 אָווענד בעת קאַרעליצקי האָט זיך געפינען אין „ספּאָרט-סאַלאָן", איז פּלוצלינג אַריינגעקומען מילער. אין עט-לעכע מינוט אַרום האָט מען פּלוצלינג אין זאַל דערהערט אַ שאָס און אַ פער-צווייפעלטען געשריי. אין עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס האָט קאַרעליצ-קי דערשאָסען מילער'ן. די קויל האָט מי-לער'ן געטראָפען אין האַרצען. נישט קע-קענדיג רעדליך, וואָס דער שאָס איז גע-וועז אַ טויטענדער, האָט מילער נאָך בע-וויזען אַרויסצולויפען און טויער אַריין אין דאָרט איז ער געפאַלען צו דער ערד, פערלירענדיג דאָס בעוואוסטזיין. דער אָנגעקומענער פּאָגאָטאָוויע-דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט דעם טויט.

נאָכ'ן אויספיהרען די טאַט האָט קאַ-רעליצקי נישט געפּרובט אַנטלויפען. ער האָט געוואַרט ביז מ'איז אַרויסגערופען געוואָרען פּאָליציי און איהר איבערגעגע-בען דעם רעוואָלווער, ערקלערענדיג, אַז ער האָט געשאָסען אויף מילער'ן דערפאַר, וואָס יענער האָט זיך אויף איהם געוואָר-פען מיט אַ מעסער און ער האָט בלויז

פערטיידיגט זיין לעבען

נאָך דער מעשה איז דער „ספּאָרט-סאַלאָן" פער'חתמ'עט געוואָרען.

צום פּראָצעס זענען אַרויסגערופען גע-וואָרען 32 עדות.

קאַרעליצקי ווערט אָנגעקלאָגט לויט'ן אַרט. 463 און עס דראָהט איהם אַ שטראָף פון 8 ביז 15 יאָהר תפיסה אין צו פערלירען אַלע רעכט.

דער ריכטער-קאָמפּלעט וועט בעשטעהן פון פאָרזיצער לאַזינסקי, אַסיסטענטען: ריכטער קוביאַק און דער אויספאָרשונגס-ריכטער. וויצע-פּראָקוראָר באַלאַווסקי וועט זיין דער אָנקלאָגער און די אַדוואָ-קאַטען ליבקער, פּאַרעל און שטרויך די פערטיידיגער. די ציוויל-תביעה טראָגט אַריין אַדוו. פרוי רומלער.

דער פּראָצעס האָט אַרויסגערופען אין שטאָט אַ גרויסע פעראינטערעסירונג.

וועלכע אונטערנעהמונגען ווערען בעפּרייט פון אומזאַץ-שטייער?

(§) ווי באַוואוסט, זענען פון 1. יאַנו-אַר אָן בעפּרייט פון צו צאָהלען אומזאַץ-שטייער די, וואָס פערנעמען זיך מיט'ן עקספּאָרט פון קויהלען, האַלב-פאַבריקאַ-טען און פערטיגע אויסאַרבייטונגען, ווי קאָנפעקציע א.א.וו., וועלכע מ'אַרבייט אויס אַליין, אָדער דורך אַ צווייטער האַנד. דער אומזאַץ-שטייער איז אויך נישט חל אויף אַלע טראַנזאַקציעס מיט אויסלענ-דישע פירמעס, וועלכע מ'וועט קאָנען בע-ווייזען דורך פיהרען רעכטמעסיגע האַנדעלס-ביכער.

אויב עס וועט ענטשטעהן וועלכער עס איז ספק, וועט זיך די שטייער-מאַכט ווענדען צו דער האַנדעלס-קאַמער, אַז זי זאָל אַרויסזאָגען איהר מיינונג, צי דאָס בעטרעפענדע אַרטיקעל געהט אַרונטער אונטער די אַרטיקלען, וואָס זענען אוי-בען אויסגערעכענט.

בעפּרייט זענען אויך פון אומזאַץ-שטיי-ער אַלע קויף און פערקויף-טראַנזאַקציעס פון תבואה, וואָס ווערן אַרויסגעפיהרט אויף די אויסלענדישע בערזעס, און ווע-רען בעוויזען דורך פיהרען רעכטמעסיגע האַנ-דעלס-ביכער און קאָנטראַקטען פון דער בערזע, וואָס זענען אונטערגעשריבען דורך די געשוואוירענע מעקלער.

די שאַצונגס-קאָמיסיע האָט דאָס רעכט מיט דער צושטימונג פון פּרעזעס פון דער קאָמיסיע צו בעפּרייען די אָרימע שטייער-צאָהלער פון שטייער, ווען די סו-מע פון יעהרליכען שטייער שטייגט נישט אַריבער 100 זל.

דאַן וועלען אויך קאָנען געניסען פון די נייע שטייער-הנחות די האַנדעלס-אונ-טערנעהמונגען, וואָס פערנעמען זיך בלויז מיט מסחר און ביי זיי ווערט די סחורה נישט איבערגעאַרבייט. די האַנדעלס-אונ-טערנעהמונגען, וואָס ביי זיי ווערט די סחורה יאָ איבערגעאַרבייט, צאָהלען 2 פּראָצענט שטייער ביז דעם 31. דעצעמ-בער 1933. נאָכדעם וועט די סטאַווקע ווערען פערקלענערט.

פאַר פערקויפען אייגענע אויסגעאַרבייטע אַרטיקלען ווערט נישט דער שטייער בערעכענט לויט דער סטאַווקע, וואָס עס צאָהלען האַנדעלס-אונטערנעהמונגען.

פון דעם 1. יאַנואַר וועלען שוין קאָנען געניסען פון די שטייער-הנחות די אונ-טערנעהמונגען, וואָס פיהרען האַנדעלס-ביכער. דאַגעגען די קליינע סוחרים, וואָס פיהרען נישט קיין האַנדעלס-ביכער וועלען ערשט אָנהויבען צו געניסען פון די הנחות אין חודש אַפּריל 1933.

לאָדזשער יודישער קאַמעראַל-טעאַטער

אַלעע 1-טער מאַי 2 № — דיר.: דוד צעלמייסטער און א. בעזמאַי.

גאַסטשפּילען פון לאָדזשער קאַמעראַל- און קליינקונסט-טעאַטער

„אַררט"

קינסטלעריש. אַנפ.: מ. בראָדערזאָהן.

היינט דאָנערשטאָג, נאָך 1 פאָרשטעלונג: אָנהייב 9.30 אָווענד

צום 26-טען מאָל דאָס גרויסע 24-טע רעקאָרד-פּראָגראַם

מ'לאַכט פון דער וועלט

אין 2 טיילען 14 בילדער

טעקסטען: מ. בראָדערזאָן, י. אַבערזשאַנעק, ש. א. מישעל.
מוזיק: דוד בייגעלמאַן, מאַק-דאַוויט און פעליקס-מאַטיוועז.
דעקאָראַציעס און קאָסטיומען: דינה מאַטיס.
רעזשי ש. דזשיגאַן און י. שומאַכער. בינע-אינספּ. מ. קאַן.

ס'בעטייליגן זיך (לויט א.ב.): ש. גאָלדשטיין, מרים דאָלסקאַ, ש. דזשיגאַן שיינע מרים, צילי סטאַל, מ. פּעטערמאַן, מ. פּולאַווער, מ. קאַן, י. שומאַכער, י. שיפער און אַ קינסטלערישער טאַנץ - קוואַרטעט.

די קאַסע איז אָפען פון 6 אָווענד.

אַלע האַנדווערקער מוזען אויסקויפען פּאַטענטען

צירקולאַר פון דער האַנדווערקער-קאַמער

(§) נעכטען האָט די האַנדווערקער-קאַמער מודיע געווען אַלע צעכען און האַנדווערקער-אָרגאַניזאַציעס אין לאָדזשער וואָיעוואָדזשטוואָ, אַז די הנחות פון אומ-זאַץ-שטייער (נאָך 1 ביז אַנדערטהאַלבען פּראָצענט) וועלען קאָנען געניסען נאָר די האַנדווערקער, וואָס האָבען האַנדווערקער-קאַרטען. אויסער דעם וועט גענומען ווע-רען אין אַכט דער שטאַנד און כאַראַקטער פון וואַרשטאַט, דאַן אויך די קאָמפּעטענץ פּאַטענט.

בעפּרייט פון אינדוסטריע-שטייער ווע-רען די, וואָס אַרבייטען אַליין, אָדער מיט 1 אַרבייטער.

ווייטער ווערט אין צירקולאַר אויפ-מערקזאַם געמאַכט, אַז אַלע האַנטווערקער וואָס פיהרען אַ וואַרשטאַט, מוזען אויס-קויפען אַ פּאַטענט, אַפילו די, וואָס זענען פון איצט דערפון געווען בעפרייט, למשל די, וואָס האָבען געאַרבייט אַליין אָדער מיט 1 אַרבייטער.

דער טערמין פון אויסקויפען די פּאַ-טענטען פאַר די לעצטע איז ביז דעם 1. מערץ ה.י.

צום סוף ווערט אויפמערקזאַם גע-מאַכט, אַז ביים אויסקויפען דעם פּאַ-טענט, דאַרף מען אויף דער דעקלאַראַציע אויפשרייבען, אַז מ'בענוצט אַ האַנדווער-קער-קאַרטע און וועלכער אינסטאַנץ זי איז אַרויסגעגעבען געוואָרען.

אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון שניידער-צעך

טאַרעלט דעם אָפּמאַך צו די קהלה-וואַהלען מיט די פּאָלקיסטען

(—) עתערגעכטען איז אין אייגענעם לאָקאַל (פּעטריקאָווער 20) פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון שניידער-צעך.

די פערזאַמלונג עפענט דער סטאַרשי ה' גלאַסען, וועלכער פערבעט צום פּרע-זידיום-טיש די פאַר-סטאַרשים די ה"ה: גלאַטמאַן, צאַרנסקי און הערשקאָוויטש, סעקרעטאַר — ראָזענצווייג. אויף דער פערזאַמלונג געפינט זיך אויך אַלס גאַסט דער סטאַרשי פון קריסטליכען שניידער-צעך ה' אַנטשאַקאָווסקי.

נאָכ'ן פאָרלייענען די טאָג-אָרדנונג ווערט בעעהרט דורך אויפשטעהן פון די ערטער דער אָנדענק פון די פערשטאָר-בענע מיטגלידער שלמה ליבערמאַן, ירחמיאל צוקערמאַן און מענדעל לעווין.

דעם טעטיגקייטס-בעריכט גיט אָפּ ה' מאַרדקעוויטש. ער פערצייכענט די ער-פאָלגען ביים דורכפיהרען פאַרשטעהער פון צעך אין האַנדווערקער-קאַמער, אוי-בער-ראַט, יודישע קהלה, אונטערשטי-צונגס-קאָמיסיע ביי דער יודישער געמיינע, אַרבייטס-געריכט א.א.וו. די פערוואַלטונג האָט זיך אויך בעמיהט, אַז די מיטגלי-דער זאָלען נישט האָבען קיין שטערונגען ביים בעלייגען די עקזאַמענס און ביים בע-קומען די האַנדווערקער-קאַרטען. ווייטער זענען אין הונדערטער פאַלען אונטערווע-גורט געוואָרען בנוגע שטייער-ענינים. ביים צעך איז אויך געשאַפען געוואָרען אַ גמילות-חסדים-קאַסע, וואָס פאַרגט אויס די מיטגלידער גרעסערע אָהנפּראָצענטי-גע הלואות.

דעם קאַסע-בעריכט גיט אָפּ ה' הערש-קאָוויטש: בלויז פון מיטגלידס-בייטראַג איז איינגעפלאָסען אין משך פון 19 חדשים 12.000 זל. אין אַלגעמיין שליסט זיך די הכנסה אויף אַ סומע פון 18000 זל. אויסער דעם האָט דער צעך אַ דעפּאָ-זיט אין באַנק גאָספּאָדאַרסטוואַ קראַיאָ-וועגאָ אויף אַ סומע פון צירקאַ 2000 זל.

נאָכ'ן בעריכט פון דער רעוויזיאָנס-קאָ-מיסיע ענטוויקעלט זיך אַ רעכאַטע, און וועלכער עס בעטייליגען זיך די מיטגלי-דער: כּירו, קאַרפּינסקי, גלאַסען, בעט-טערמאַן, פּאַנד, בעסער, לעווקאָוויטש, רודניצקי און קאַזאַנאָווסקי. צוו. אגר. ווער-זען די רעדנער אָן, אַז די סומע פון 140 זל. פאַר אַנ'עקזאַמען, וואָס עס נעמט די עקזאַמיניר-קאָמיסיע, איז צו הויך.

זיי אַלעמען ענטפערן די ה"ה קאַזשי-מיערסקי און גלאַטמאַן, וועלכע קלערען אויף די לאַגע ביי די עקזאַמענס. נאָך דער דעבאַטע ווערט דער פערוואַלטונג אויסגעדריקט צוטרוי פאַר איהר אַרבייט.

נאָכדעם טראָגט וויצע-פּרעזעס קאַזשי-מיערסקי אַריין אַ פאָרשלאַג, אַז דער שניי-דער-צעך זאָל אַריין אין פּראָפעסיאָנעלע אָר-גאַניזאַציע און מאַך נישט שליסען קיין שום אָפּמאַכען מיט וועלכער עס איז פּאָ-ליטישער פּאַרטיי, ווי עס איז געווען דער פאַל ביי די לעצטע קהלה-וואַהלען. דער פאָרשלאַג ווערט איינשטימיג אָנגענומען.

אין דער מאָנדאַציירטער פאַרט פון ראַ-זאַר גלאַטמאַן, אַז וועגען אַזעלכע ענינים רעצענזירט די אַלגעמיינע פערזאַמלונג.

די וואַהלען האָבען געגעבען פאָלגענ-דען רעזולטאַט: סטאַרשי — גלאַסען, פאַר-סטאַרשים: ראָזאַר גלאַטמאַן, צא-רניסקי און גורט. פערוואַלטונג: קאַזשי-מיערסקי, בעסער, מאַרדקעוויטש, ראָ-זענבלאַט, הערשקאָוויטש, בעקער, לעוו-קאָוויטש, פרוי מאיערטשיק און פרוי גריין-בלאַט. קאַנדידאַטען: מאַשקאָוויטש, קאַזשמינסקי, פליישהאַקער און רודניצקי. רעוויזיאָנס-קאָמיסיע: א. בעקער, טאַלד-קאָפף, קאַמישקאָ, גזשיבאָווסקי און קאַזא-נאָווסקי. שידס-געריכט: צאַרניסקי, אַפּאַ-טשינסקי און וועקסלער.

מוטער וואַרפט אַריין איהר ניי-געבוירען קינד אין סטאַוו

זי ווערט פער'משפּ'ט אויף 18 חדשים תפיסה

(§) דעם 30. אָקטאָבער פ.י. האָבען די פּאַרעלעשער פון שווייבלער און גראַה-מאַן בעמערקט, ווי אין סטאַוו, וואָס פלייסט נעבען דער פאַבריק, שווימט אַרום אַ טויט קינד פון בערך 10 טעג. מחמת אויף אַנ'ערבעלע איז געווען אַנ'אויפ-שריפט „קלינקיק פון שוו. עליזאַבעטאַ", איז געלונגען צו דערגעהן, אַז די מאַמע פון קינד איז די 24-יעהריגע וויקטאָריאַ וואַינאָווסקאַ. ביים אַרעסט האָט זי ער-קלערט, אַז זי איז זיך פונאַנדערגעגאַנ-גען מיט איהר מאַן און פאַר דער צייט האָט זי געבוירען אַ קינד פון אַ צווייטען, נישט האָבענדיג אָבער קיין מעגליכקייט עס אויסצוהאַלטען, האָט זי עס אַריינ-געוואָרפען אין סטאַוו.

דאָס געריכט האָט די מוטער-מערדע-רין פער'משפּט אויף אַנדערטהאַלבען יאָהר תפיסה, אויסמוישענדיג די שטראָף אויף אויספּעסערונגס-הויז.

די ציוניסטישע עקזעקוטיווע וועגען ד"ר חיים ווייצמאַן

אויפקלערונגען פון פּראָפ. ז. בראָדעצקי

לאָנדאָן, (י.ט.א.) דער מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע פּראָפ. זעליג בראָדעצקי לייקענט דעם בעריכט, וואָס האָט זיך געהאַט פערשפּרייט אין אייניגע יודישע צייטונגען אין אויסלאַנד, דאָס הנם נחום סאָקאָלאָוו איז אָפיציעל דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דאָך איז די גאַנצע עקזעקוטיווע אָנהויבענדיג פון פּראָפ. בראָדעצקי און בעזל לאָקער ביז דעם לעצטען בעאַמטען אויף גרייט-ראַסעל-סטריט, געהאָרכזאַם דעם געוו. פּרעזידענט ד"ר ווייצמאַן.

איך שטעל פעסט, ערקלערט פּראָפ. בראָדעצקי, אַז דאָס איז גרונדלאָז און פאַלש. ד"ר ווייצמאַן האָט לעצטענס בעלייסטעט וויכטיגע אַרבייטען. ער האָט אויך אַרויסגעהאָלפען דער עקזעקוטיווע פינאַנציעל. ד"ר ווייצמאַן מישט זיך אָבער נישט אין קיין שום פּאָליטישע אַרבייט פון דער עקזעקוטיווע, וועלכע האָט נישט בדעה אָפּצוזאָגען זיך פון איהרע רעכט לטובת ד"ר ווייצמאַן, אָדער וועמען עס איז אַנדערש.

אויף די יעניגע, וואָס האָבען אין באַזעל געוועהלט די איצטיגע עקזעקו-טיווע, ערקלערט ווייטער פּראָפ. בראָ-דעצקי, וועלען פרעגען, צי מיר האָבען געהאַט בעדייטענדע ערפאָלג ביים דורכפיהרען די בעשטימונגען פון מאַק-דאָנאַלד-בריף. וואָס זיכערט די יודישע מאַנדאַט-רעכט אין א"י. וועלען מיר נישט קענען ענטפערן „יאָ". דאָס ער-קלערט זיך דורך פיל אומשטענדען, צ.וו. אַנד. מיט די ענדערונגען אין דער ענגלישער פּאָליטישער לאַגע, ווי אויך מיט דעם טויש אויפ'ן אַמט פון הויך-קאָמיסאַר.

מיר האָפען, אַז דער נייער הויך-קאָמיסאַר פון א"י האָט די בעסטע כוונות. אויך די רעפּעשע פון קאָלאָניען-סעקרעטאַר צו דער א"י-קאַמפּיין אין אַמעריקע ערלויבט צו האָפען אויף בעסערע צייטען. די רעגירונג מוז אָבער איינזעהען, אַז דאָס יודישע גע-דולד ווערט אויסגעשעפּט אויף זעהר שווערע נסיונות. מיר פאָדערן, אַז די רעגירונג זאָל געבען אַ קלאָרען בעווייז פון איהר גוטען ווילען און אָהן ווייטערדיגער אָפּשלעפּונג אויסצופיה-רען די פּרינציפּען, אויפ'ן יסוד, פון וועלכע עס איז מיט 6 חדשים צוריק אין באַזעל בעשלאָסען געוואָרען אויפ-צונעמען אַ צוזאַמענאַרבייט מיט דער רעגירונג.

8-טונג!

דאָס

לאָדזשער טאַגעבלאַט

בעקומט מען טעגליך 6 אַ זייגער פריה

אין אַלע פּאַהו-קיאָסקען

(„Ruch")

די פערקריפּטע פרוי

שפּאַנענדער ראָמאַן פון יודישען פאַמיליען-לעבען אין פּוילען.

פון לעאָן גאָלדמאַן

נאָכדרוק פערבאָטען פאַר'ן „לאָדזשער טאַגעבלאַט"

(30 טע פאָרזעצונג)

לעאָן האָט שטיל אַרויסגעלאָזט אַ זידעל-וואָרט, דער-וועהנענדיג, אַז ער איז הילפלאָז.

— גוט, גוט, איך געה אַוועק, — האָט ער זיך אָנגערו-פען אַ רויטער פון צאָרן, — אָבער איך וועל נאָך דאָ אַהער קומען און דעמאָלט וועט איהר זיך דערווישען. וועד איך בין! איהר הער וועט דאָ בלייבען און איהר וועט האָבען אַנ'אויג אויף מיין פרוי און איך אַליין וועל אַוועק אין דער שטאָט נאָך הילף! מ'וועט זעהן, ווער עס איז שטאַרקער!

און שנעל האָט ער פערקלאַפּט די טיר הינטער זיך און איז אַרויס.

קאַפּיטעל 14

דער סאַלאָן פון מאַדאַם לאַראַ

אַ גאַנצע וואָך איז קופער געלעגען אַ שווער-קראַנקער. אַ דאַנק דער ענערגישער הילף פון דאָקטאָר קאָהן, איז ער געקומען צו זיך און עס איז איהם בעסער געוואָרען.

די וואָך פאַר רויזעלען האָט איהם די גאַנצע צייט נישט אָפּגעלאָזט אויפ'ן קראַנקען-בעט.

און בעת ער איז נאָך די חלומות שטאַרקער געקו-מען אַ מינוט צום בעוואוסטזיין, האָט איהם מאָלד אָנגעהוי-בען צו פּייניגען די געדאַנקען צו רויזעלען.

די געפאַהר איז טעגליך אַריבער, אָבער ווי לאַנג וועט נאָך דויערען ביז ער וועט איינגאַנצען געזונד ווערען?

צוויי לאַנגע וואָכען זענען ווידער אַוועק, ביז ער איז געקומען צו די כחות אויף אַזוי פיל, אַז דער דאָקטאָר האָט איהם ערלויבט אויפצוהויבען זיך פון בעט און צו מאַכען אַ שפּאַציר אויף דער לופט.

דער ערשטער שפּאַציר! אָבער צי האָט ער איהם געקענט אויסנוצען צו אַן אַנדערן צוועק, ווי צו זוכען רוי-זעל'ס שפּורען?

צי איז דען אָבער נישט צו שפּעט? האָט דען נישט געקענט געשעהן בעת זיין קראַנקהייט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט איהם געקענט מאַכען פערלירען זיין טייערסטע אויף אייביג? ווען אַפילו נישט האָבען געוואָלט געהן מיט שאַ-טאַנ'ען — האָט דען דער לעצטער נישט געפינען עפּיס אַ שטיקלעכיס מיטעל, וואָס ער זאָל זי צווינגען דערצו?

די דאָזיגע פראַגען האָבען שטאַרק געמאַטערט דעם אָרימען קופער'ן אין מאָמענט ווען ער איז אין אַ דראָזשקע פריהמאָרגען אַריין אין'ס הויז, וואו עס האָט געוואוינט די פרוי בערטאַ.

אַ מאָדנע געפיהל האָט איהם באַהערשט. ווען ער איז אַרויף אויף די שמאָלע טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט אין דער וואוינונג אַריין. ער האָט געטראַכט, אַז דאָ האָט ער מיט עטליכע וואָכען צוריק געהאַלטען צום ערשטען מאָל אין זיינע אָרעמ'ס רויזעלע'ן.

אָ, ווי אַנדערש ער האָט זיך דעמאָלט געפיהלט!

פרוי בערטאַ האָט זיך צוריקגעצויגען אַנ'איבערראַשט, דערזעהענדיג, ווי שרעקליך קופער זעהט אויס.

זי האָט איהם נישט געהאַט קיין סך צו דערצעהלען. אָבער דאָס וועניגע, וואָס זי האָט איהם איבערגעגעבען, האָט איהם שטאַרק אויפגערודערט.

דעם קינד'ס געהיימניספולע פערשוואונדען, שאַטאַנ'ס אַריינקומען און דער צושטאַנד, אין וועלכען בערטאַ האָט דערנאָך געטראָפען רויזעלע'ן און שפּעטער איהר אַוועק-געהן אין אָווענד, זינד ווען זי איז שוין נישט צוריקגעקו-מען — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופען ביי קופער'ן די איי-בערצייגונג, אַז די אונגליקליכע פרוי איז אַריינגעפאַלען אין די הענד פון שאַטאַנ'ען, וועלכער האָט צוגענומען דאָס קינד, כדי צו האַלטען אין זיינע לאַפּעס די מוטער.

אַרויסגעהענדיג פון דער אַלמנה, איז קופער געווען שטאַרק פערצווייפעלט.

ער איז געווען זיכער, אַז דער פּאָליציי איז נישט געלונגען צו כאַפּען שאַטאַנ'ען, ווייל אַז נישט וואָלט מען איהם געווען אינפאָרמירט וועגען דעם. אָהן צווייפעל געפינט זיך איצט רויזעלע צוזאַמען מיט איהם און וואַהרשיינליך זענען זיי שוין אין אויסלאַנד.

אַנ'אומעטיגער האָט ער געהענדיג פּאַמעלעך זיך אומגעקעהרט אַהיים.

עס איז אויסגעקומען אַדורכצוגעהן די פּאַרשאַלקאָוו-סקאַ-גאַס, איינע פון די הויפּט-גאַסען פון וואַרשע, וואָס האָט אַריינגעפיהרט אין זעקסישען גאַרטען. ווי געוועהנליך אין אַ שעה שפּעטער האָבען אויף די לאַנגע טראָטואַרען שפּאַ-צירט עלעגאַנט-געקליידעטע הערען און דאַמען און אַ לאַנ-גער שנור פון אויטאָמאָבילען האָט אַדורכגעצויגען דעם ברוק.

עס האָט אויסגעזעהן, ווי דער אויסערגעוועהנליך-שעה-נער, זוניגער ווינטער-טאָג האָט אַרויסגעטריבען פון זייערע וואוינונגען די עלעגאַנטסטע געזעלשאַפט פון דער שטאָט וואַרשע. די גאַס האָט פּערגעשטעלט מיט זיך אַנ'אויסשטעל-לונג פון טייערע פעלצען, היטען, מאַקען-מאַנטעלס און גראָ-נאָסטאַי'נע קראַגענס און דער עיקר — פּרעכטיגע פּנים'לעך פון די וואַרשאַווער דאַמען.

אָבער דאָס אַלץ איז איצט קופער'ן נישט אָנגעגאַנגען. בעהערשט פון טרויעריגע געדאַנקען, מיט אַנ'אַראָפּ-געלאָזטען קאָפּ איז ער פּאַמעלעך געגאַנגען צווישען די הונ-דערטער שפּאַצירער, נישט אומקוקענדיג זיך אַפילו.

וואָס האָט איהם איצט געקענט אָנגעהן די פרייד פון די אַלע מענשען, וואָס קוקענדיג אויף זיי האָט מען גע-קענט מיינען, אַז אויף דער וועלט זענען נישטאָ קיין לייד-דען און קיין נויט. אַזוי איז ער אָנגעקומען צו דער קרי-לעווסקאַ-גאַס. דער פערקעהר פון אויטאָס און דאָס געתעון פון מענשען איז דאָ בייטאָג געווען אַזוי געדיכט און ענג, אַז דאָס אַריבערגעהן אויף דער אַנדערער זייט איז געווען אַביסעל געפעהרליך.

קופער האָט שוין געמאַכט עטליכע טריט און גע-וואָלט אַריבערגעהן, ווי פּלוצלינג איז ער דערשראָקען גע-וואָרען און האָט זיך צוריקגעצויגען מיט שרעק.

(פאָרזעצונג קומט)

נישט צו שטאַרבען פאַר'ן פאטערלאַנד, נאר צו לעבען פאַר'ן פאטערלאַנד.

ווילי זאַציע זאָל חרוב ווערן. די גיפט און גאַז-מלחמה איז דאָך גאָר אויסען מלחמה צו האַלטען הינטערן פראָנט נישט מיט'ן שונאס מיליטער, נאָר מיט קינדער, פרויען און זקנים. קודם כל מוז די ליפט-מלחמה אָפגעשאַפט ווערען.

דער קאַטוילישער דאָמינקאָנער פּאָ-פּער ריעדמ אויך אינם דאָזיגען זינען: אין גאַנץ איז נישט צו רעכענען אַז עס וועט דורכגעפיהרט ווערען די פולע ענט-וואָפענונג, אויפ'ן סדר-היום שטעהט נאָר די פערקלענערונג פון באוואָפענונג. מיר דאַרפען אָבער נישט ווערען אומגעדול-דיג און גאָר ווילען אונזער באוואָפ-נונג פערגרעסערן, אַלע אמונות האַל-טען פונ'ם פסוק „לא בחיל ולא בכח כי אם ברוח". די באוואָפנונג האָט פון תמיד אָן געפיהרט נאָר צו גרויסע שטייערן, האָט פאַראָרעמט די באַפעל-קערונג און איז נישט מעהר ווי אַ שגעון אָן ניצען. זאָל זשע דייטשלאַנד נאָכפינען דערין איהר כבוד, אַז זי וויל

(ענדע פון זייט 3)

זיך דערווייטערן פונם וועלט-שגעון און שטרעבען צו באַשאַפען אַנדערע אידע-אַלען, וואָס זיכערן דעם וועלט-שלום נישט אויפ'ן מיליטערישען אופן.

דער דירעקטאָר פון דער דייטשער באַנק און דיסק. געז. אָסקאַר וואַסערמאַן שליסט די גרויסע דעמאָנסטראַציע: דער

אידעאַל דאַרף אויפהערען זיין, פאַרן פאָטערלאַנד צו שטאַרבען און דעם שונא צו הרגענען, נאָר פאַרן פאָטער-לאַנד צו לעבען און אַרבייטען, נישט געוואַלד, נאָר גערעכטיגקייט; נישט שנאה נאָר מענשען. ליבע — דאָס איז די אמתע אמונה, דער חוב, וואָס יע-דער בירגער האָט לגבי דעם פאָטער-לאַנד און לגבי זיין פאָלק.

„אַנגלאָ-דזשואיש אַס-אָסיישאַן"

וועגען אַנטי-יודישען באָיקאָט אין פּוילען

לאָנדאָן (יטא) אויף דער לעצטער זיצונג פון דער „אַנגלאָ דזשואיש אַסאָ-סיישאַן" האָט דער פּרעזידענט פון דער אַסאָסיישאַן ה' לעאָנאַרד מאָנטעפיאָרע בערזיכערט די לאַגע פון יודען און אונגאַ-לענדער.

אַרומרעדענדיג די לאַגע און פּוילען, האָט ה' מאָנטעפיאָרע אויסגעדריקט די צופרידנהייט, דאָס די רעגירונג האָט גע-

האַנדעלט שנעל און דאָס דער בילדונגס מיניסטער ה' יענדזשעיעוויטש האָט און ענטפער אויף דער אינטערפּעלאַציע פון דער „יודישער קאָלאָ" פּעראורטיילט די אַנטי-יודישע אַרויסטרעטונגען. דער רעדנער איז איבערצייגט, אַז דער באָיקאָט, וואָס ווערט דורך געוויסע עלעמענטען געפיהרט נעגען די פּוילישע יודען, וועט פלוין ברענגען שאַדען דעם פּוילישען

קיטעו פון ה. לייוויק אין „הבימה"

תל-אביב (יטא) דעם ווינטער-סעזאָן האָט די „הבימה" אָנגעהויבען מיט דער אויפפיהרונג פון ה. לייוויק'ס „קיי-טען" און אונגעגער רעזשי. די פּרעסע שטעלט איינשטימיג פעסט, אַז „הבימה" האָט ווידער צוריקגעוואונען איהר אַמאָ-ליגען שוואונג און אַרטיסטישען גלאַנץ. אינגיכען וועט „הבימה" אויפפיהרען מאָליער'ס „טאַרטוף".

וויצע-פּרעזידענט פון סאָוויעטען-פערבאַנד

שיקט קאָנדאָלענץ-דעפּעשע דער משפחה פון יוליוס ראָזענוואַלד

מאָסקווא, (יט"א) דער וויצע-פרעזידענט פון סאָוויעטען-פערבאַנד און פּרעזעס פון „קאָמזעט" פּיאָטר סמידאָ-וויטש האָט אין נאָמען פון „קאָמזעט" אַרויסגעשיקט אַ קאָנדאָלענץ-דעפּעשע צו דער משפחה פון יוליוס ראָזענ-וואַלד. אַן ענהליכע דעפּעשע האָט סמי-דאָוויטש אַרויסגעשיקט אויך צו דעם אַמעריקאַנער פערבאַנד פאַר יודישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד, בראש פון וועלכען עס איז געשטאַנען יוליוס ראָ-זענוואַלד (צוזאַמען מיט ה' פעליקס וואַרבורג.)

אין אַ געשפּרעך מיט'ן יט"א-קאָרע-ספּאָנדענט האָט דער דירעקטאָר פון „אַגראָ-דזשאָינט" דר. יוסף ראָזען פער-זיכערט, אַז צווישען די יודישע קאָלאָ-ניסטען אין סאָוויעט-פערבאַנד איז שטאַרק פּאָפּולער דער נאָמען פון יול-יוס ראָזענוואַלד, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק געשטיצט די יודישע קאָלאָני-זאַציע-טעטיגקייט אין פערבאַנד.

2 חדשים תפיסה פאַר א 19-יעהריגען היטלער-כוליגאַן

בערלין, (יט"א) דאָס געריכט אין דעם שטעטעל מעזעריץ (מזרח-פּרייסען) האָט פאַר'משפט צו 2 חדשים תפיסה אַ 19 יעהריגען היטלעריסט, וועלכער איז, צוזאַמען מיט אַ צווייטען אונגע-דעקטען היטלעריסט, באַפאַלען אַ יודי-שען סוחר און איהם צובראָכען אַ ריב, שרייענדיג בשעת מעשה: „דאָס איז אונ-זער נקמה דערפאַר, וואָס איהר האָט אונזערע בערלינער קאַמעראַדען אַריינ-געשטויסען אין תפיסה צוליב'ן קור-פירסטענדאַם-טומעל".

בערלין, (יט"א) די פּאָליציי האָט אויפגעלעזט אַ היטלעריסטישען מיטינג אין ספּאָרט-פּאַלאַץ אויף וועלכען ד"ר געבעלס איז אַרויסגעטרעטען מיט אַנ-טיסעמיטישע בעשולדיגונגען געגען דער פּערזאָן פון יודישען וויצע-פּרעזידענט פון דער בערלינער פּאָליציי דר. ווייס.

דער שליסעל צום ערפאָלג

איז אַנ'אַנאָנס אין „לאָדזשער טאָגעבלאַט".

האַנדעל, און אַזוי אַרום זיך נוקם זיין אין די באָיקאָט-פיהרער גופא.

לסוף האָט ה' מאָנטעפיאָרע אויסגע-דריקט די האָפנונג, אַז דאָס לויפענדע יאָהר וועט צוריקשטעלען דעם צוטרוי און סטאַבּילוטעט אין גאַנץ אייראָפּא.

סאַלאָן „נאַדיא"

נאַרוטאַוויטשא גאַס 7

ULICA NARUTOWICZA 7

מאַגאַזין פאַר קינדער-קאָנפעקציע, דאַמען-וועש און גאַלאַנטעריע

גרויסער אויסוואַהל פון די נייעסטע מאָדעלען

● סאַליד ● געשמאַקפול ● עלעגאַנט ● פּרייזווערט

בעקליידעט קינד און מוטער

SALON „NADJA", ulica Narutowicza 7.

(קאַצענעלזאָנס גן-ילדים (פרעבל-שולע)

Przedszkole

דער ערשטער ערציהערישער פרעבעל-אַנשטאַלט אין לאָדז, פון י. 1911

איז שוין געעפענט געוואָרען אין נייעם גימנאַזיום בנין

ZAWADZKA 43 tel. 151-79

קינדער (יונגעלעך און מיידעלעך) פון 4 יאָהר אָן ווערען אָנ-גענומען אין קאַנצעלאַריע פון גימנאַזיום, פון 10—2 און פון 5 אָכט.

לאַנג-יעהריגער געריכטס-סעקרעטאַר

שרייבט און ערלעדיגט אַלערליי

בּיטעס, אנקלאַגעס און קלאַוזולעס

— ספּעציאַליסט אין מיליטער-ענינים. —

שנעלער אויסקויף פון פּאַטענטען און רעגיסטראַציע-קאַרטען אויפ'ן יאָהר 1932.

ב. מאַן, פּעטריקאַווער 10

אינזש. א. רוסאַק

געשוואוירענער דאָלמעטשער בײַם קרייז-געריכט אין לאָדז

נאַרוטאָוויטשא 47, טעל. 245-08

פיהרט אויס איבערזעצונגען פון אַלע אַרט אַקטען, דאָקומענטען און קאָרעספּאָנדענץ.

טיול-גאַרדינען

מיט טילע לעצטע מאָדע פיהרט אויס ביליג באַלייוויס, זאַוואַדזקאַ 27, לינקס 2-טער שטאָק.

פון דער סדרה

ס'איז ערשינען דאָס פיגעטע ספר'ל „פון דער סדרה", וועלכעס נעמט אַרום די סדרות: שמות וארא, בא, בשלח, יתרו. די פריהערדיגע העפטען נעמען אַרום דאָס גאַנצע ספר בראשית. צו באַ קומען אין די לאָדזער בוכהאַנדלונגען און ביי-ם אַרויסגעבער ס. גליקסמאַן. לאָדז זאַוואַדזקאַ 16א.

א וואוינונג

פון צוויי שטובען מיט אַ קיך ביליג, באַלד איבערצוגעבען

אַלעע 1-טער מאַי 23, וו. 24, פּאַרטער.

א האַלב געוועלב

אויף נאַוואָמיעיסקאַ זאָפאָרט צו פערדינגען. ערפאַהרען ביי בירנבוים נאַוואָמיעיסקאַ 31.

צו דינגען און פעדרינגען

פערשידענע וואוינונגען אין אַלטע און נייע הייזער מיט אַלע בעקוועמליכקייטען אויף מאָנאַטליכע דירה-געלד, געווע-לבער, געשעפטען און פאַבריקס לאָקאַלען מעבלירטע צימערן, הייזער, ווילעס, פּלעצער פון פערשידענע פרייזען קויפט און פער קויפט יעדער דורך די ביוראָ

„LOKUM"

וואָס ערלעדיגט פּינקטליך און סאָליד.

אינהאַבער: יוסף קאַרמעסער עט קאָמפּ.

אינפאָרמאַציעס ווערען ערטיילט אומזיסט

פּיעטריקאַווער 62, פראָנט, 2 שטאָק

טעלעפאָן 166-15 אָפען פון 8 ביז 8 אָוונד

קליינע פּאַדאַטקעס!!

וועלכע צאָהלען פון ניי-יאָהר אָן סוחרים, וועלכע וועלען פיהרען האַנדעלס-ביכער! איך פיהר שוין פיל יאָהר ביי איינינע פירמעס האַנדעלס-ביכער, וועלכע ווערען קאָנטראָלירט און שטענדיג פון סקאַרב אָנערקענט! און די פירמעס צאָהלען פּאָדאַטקעס נאָר לויט די ביכער, איבערדעם דאַרפען סוחרים, וועלכע ווילען פון ניי-יאָהר איינפיהרען ביכער, זיך ווענדען צו מיר! מיט אַכטונג

ג. גרינבוים קאָנסטאַנטינער 46 לינקע אָפיציגע 1 שטאָק.

טאַנץ-שולע

פון ד. פרידוואַלד פּאָלודניאָווא 10

מאַכט בעקאַנט, אַז דעם 18-טען ד. ח. הויבט זיך אָן

אַ קורס פאַר אַנפאַנגער

שילער און שילערינס קענען זיך מעלדען אַ גאַנצען טאָג. מיט אַכטונג

דיפּלאָמירטער טאַנץ-לעהרער

ד. פרידוואַלד, פּאָלודנ. 10

בעמ. ס'ווערט אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלער קורס פאַר לאַנג-געקליידעטע יוגענטליכע

שרייבען שעהן און שנעל

לערנט אויס דער בעריהמטער קאַליגראַף ל. בערמאַן אין 15 לעקציעס, אויך ווערט אויסגעלערנט גוט שרייבען אַ יודישען בריף אין 15 טעג, אפילו דעם וואָס קען גאָרנישט. די עלטער שפּילט קיין ראָלע ניט.

זאַוואַדזקאַ 19 ו שט. פר

א געוועלב

מיט אַ גרויס שוי-פענסטער און באַסטען צענט-רום שטאָט איז פון זאָפאָרט איבערצוגעבען. צו ערפאַהרען אין פרי-יצר-געשעפט זשעלאַזנאַ № 3 ביי גראָוער.

אַנ'עקספּעדיענט

ווערט געזוכט. מעלדען זיך צו דער גאָרטן-פאַרבעריי בילע און פוקס.

לימאַנאָווסקעגאָ 41.

אַנ'אינטעליגענטער יונגערמאַן

זוכט פון 1-טען פעברואַר צו שלאָפען מיט בע-קעסטיגונג. אין בעטראַכט ווערען גענומען נור אַנ'אינטעליגענט יודיש הויז. אָפערטען מיט אָנגאַבען אונטער „סאָלידאַר".

א אויטאָמאַטישע מיהל

מיט אַ גוט איינגעפיהרטע קונדשאַפט פון זאָ-פאָרט צו פערדינגען, עווענטועל צו פערקויפען. צו ערפאַהרען אויפ'ן אָרט דאָמבראָווסקיעגאָ № 26 ביי ה' בער, געגענאיבער די פאַבריק פון ע. העבלער.

עס ווערט געזוכט

א מיידעל צו קינדער מיט בעסערע קוואַ-ליפיקאַציעס. זיך צו ווענדען שוודמיעיסקאַ 48, פראָנט פּאַרטער, וואוינונג 1.

Dr. NUNBERG

Chirurg

przeprowadził się na

Plac Dąbrowskiego 1 (— wejście — z Cegielnianej)

Tel. 211-89. Przyjmuje 6—7 po poł.

Dr. med. J. SZMERŁOWSKI

Akuszer-Ginekolog

przyjmuje od 3-5 i 7-8 w.

Piotrkowska 17, tel. 107-13.

לא שדי איניש זוזא בכדי

(כתובות ל"ו)

אַלע יודען ערלעדיגען דורכען

זייערע רעכטס-ענינים נאָר אין דעם אָנ-געזעהענעם ביוראָ, וואו ס'ווערען רעדאַגירט און ערלעדיגט לויט'ן אוסטאַווו: פּאַדאַניעס אין שטייער און מיליטער-ענינים, סקאַרגעס און אַפּעלאַציעס אין ציוויל-קאַרנע ספּראַוועס ווי אויך פר. שותפות-אַקטען, דזשערזשאַוועס, ווילאַנטשע-ניעס א. ז. וו. קלויזולעס און זאַבעז-פּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אין פּוילען פּאָדאַניעס לויט פּעראָרדנונג וועגען פּערקלענערן פּאַטענטען אויף 1932.

דאָס ביוראָ שיקט אַרויס: מאָניטען, רע-דאַגירט אין געהעריגען טאָן, וועלכע ברענגען אַ בעזיכערטען ערפאָלג.

ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר אינקאַסאָ פון פּראָטעסטירטע וועקסלען און אָפענע חובות אויך אויף דער פּראָווינץ ביי דער מיטבע-טייליגונג פון רוטינירטע און ענערגישע אינקאַסענטען.

רעכטס-קאָנסולענט

י. ח. בוזין, לאָדז, אָגראָדאָוואַ 3

טעל. 191-48

קלאַנג-קינא ZACHETA

זגיערזשער-גאַס 26.

היינט און ווייטערע טעג!

ריזיגע דראַמע :-: א. ו.

אין דער נעץ פון ליגענט

שרעקליכע איבערלעבענישען פון אַ ווײַב און געליבטען ווי אויך אַ טראַגעדיע פון אַ פאָטער. וואָס האָט געטריבען ערמאָרדען אַנ'איינגען קינד. אין די הויפּט-ראָלען:

Emil Janings, Esther Ralston, Gary Cooper

קורצענס דער גרעסטער פילם פון דער וועלט איינגאַנצען אין פאַרבען א. ו. „קעניג דזשאַרוש".

אָנהויב פון די פאָרשטעלונגען: טעגליך פון 4 נ.מ., שבת, זונטאָג און חגאות 12 אַ יינגער ביטאָו. דער זאַל איז גוט בעהייצט.

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

1 זאַוואַדזקאַ 1

נאָר פאַר ווי'נערישע הויט-קראַנקהייטען און מענער-שוועכע צענליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָלאָגישע און נערוועז-קראַנקהייטען.

קוואַרץ-לאַמפּ-עלעקטרישער הייל-קאַבינעט • קאָסמעטיק.

טעגליך פון 8 פריה ביז 9 אָוונט

זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמ.

באַזונדערע וואַרטע-צימער פאַר פרויען.

וויזיט 3 זלאָטעס

דאס עלעקטראָטעכנישע ביוראָ

Siła i Swiatło

פון וו. קרוקאָווסקי

פּאָלודניאָווא 23 טעלעפאָן 139-32

נעמט אָן דורכצופיהרען אינסטאַלאַציעס פון ליכט און קראַפט, קויפט און פערקויפט מאָטאָרען און ערלעדיגט אַלע אַרט עלעקטרישע איינריכטונגען אויף ליכטע בעדינגונגען.

ביליג, רעעל, שנעל און פּינקטליך!

אויטאָגענישע שווייסונגען

מעטאַל-באַאַרבייטונגען און שלאָסער-אַרבייטען

פאַר האַנדמאַשינען ...

J. Reder, Łódź

Konstantynowska 11/13, (róg zachodniej)

אַבאָנעמענטס-פּרייז: פאַר אַ חודש אין לאָדז 3 זלאָטיס, אין פּראָווינץ 1.25 און אויסלאַנד — 20 פראַנק. אין אַנדערע לענדער … אַנאָנסען-פּרייז: פאַר אויסלענדישע ענאָנסען 100% טייערער. אויסער דער טעקסט מיט 30 טייערער. פון די פּרייזען ווערט נישט אַראָפּגערעכנט קיין ראַבאַט. פאַר אַ מילימעטער-שורה פאַר'ן טעקסט 16 גר. פּרייזען 24 גר., אין טעקסט 40 גר. פּרייזען 60 גר. נאָך טעקסט 12 גר. פּרייזען 18 גר.

Tłocznia E. i M. Hamburskich, Łódź, Piotrkowska 16. Dzierżawca: M. B. Weis.

Odpowiedzialny Red.-wydawca: …